STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01354

DER MEYLEKH SHAUL

Israel Aszendorf

Permanent preservation of this book was made possible
by Henry A. Einhorn
in memory of
Jacob & Sarah Rebeccah Adler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל אשענדארף

דער מלך שאול

היסטאָרישע טראַגעדיע

פאַרלאַג „יידיש בוך"

לאָדזש 1948

הילע געצייכנט: י. רייזמאן

רעדאַקטאָרן פון פאַרלאַג:
ל. אָליצקי, ד. ספאַרד

IZRAEL ASZENDORF

KRÓL SAUL

Tragedia historyczna

Wyd. »Unzer Buch« przy CKŻP
Łódź — 1948

Drukarnia RSW «Prasa»
Łódź, Narutowicza 32.

דעם הייליקן אָנדענק פֿון מיין
מאַמע סלאָווע, מיין שוועסטער ביילע,
מיינע ברידער: משה, אורי, יצחק,
מאָטי און חנא, וואָס זענען אומגעקומען
דורך דייטשע רוצחים.

װ י ד מ ו נ ג

געשטאַלטן פֿון די קינדער־יאָרן,
איך זע אייך נאָכאַמאָל פֿאַר מיר.
איך האָב געמיינט: צו מיין זכרון
איך האָט שוין לאַנג פֿאַרמאַכט די טיר.
די קינדהייט, אמת, כ'האָב פֿאַרלאָרן,
נאָר אייך, – אייך קיינמאָל נישט פֿאַרליר!

איך האָב אייך יעדעס מאָל באַגעגנט
אויף אַלטע בלעטער פֿון תנ״ך.
איר האָט באַגלייט מיך אויף די וועגן
ביים גיין פֿון חדר יעדע נאַכט.
איך בין שוין אויפֿן בעט געלעגן
און האָב נאָר אַלץ פֿון אייך געטראַכט.

דעם קליינעם דוד כ'בין מקנא,
ווי גוט געצילט ער האָט דעם שטיין,
און אויף דער האַרף, ער האָט פֿאַרשטאַנען
צו שפּילן לידער ווונדער־שיין.
און אויפֿן תהלים־בוך – פֿון וואַנען
איך האָב געלערנט זיך אַליין.

נאָר כ'האָב אַ שרעק דערפילט אין האַרצן
פאַר שמואלן, וואָס שטראָפט דעם העלד.
כ'האָב שאולס באָרד געזען אַ שוואַרצע
און דודס באָרד – מיט בלאָנד באַהעלט.
נאָר שמואלס – כ'האָב געזען זי שטאַרצן,
ווי אייז אַ שטיק, וואָס ווייעט קעלט.

פאַר שמואלן – אין שרעק פאַרלוירן,
מיין ליבשאַפט – דודן געווענדט.
און ס'האָט פון שטענדיק שאולס גורל
מיט פייער-זיגל מיך געברענט.
דערפאַר מיט ליבע, ווי און מורא
איך גיב דאָס בוך אייך אין די הענט.

פערזאנען

שמואל	דער נביא.
שאול	דער מלך.
אחינועם	שאולס ווייב.
מוטער	שאולס.
יונתן	שאולס עלצטער זון.
מיכל	שאולס טאָכטער.
דוד	איר מאַן.
אבנר	שאולס פירער פון חיל.
תרצה	כשופמאַכערין.
אביה	איר טאָכטער.
נושא כלים	שאולס.
שליח	דודס.

זקנים. קריגער. נביאים. פאָלק ישראל. פלישתים.

די האַנדלונג שפילט זיך אָפּ אין רמה, גילגל, גבעה, עין־דור און אויף די גלבוע־בערג.

צייט: 1010—1030 פאַר דער נייער צייט־רעכענונג.

דאס ערשטע בילד

רמה. פלאץ פאר שמואלס הויז. פאָלק. זקנים.

קלאָג-ליד פון מענער

אין טעג פון פרילינג האָבן מיר פארזייעט.

ס'האָט טוי גענידערט, רעגן איז געפאלן.
געשיקט האָט זון פון הימל אירע שטראלן,
ווי זונען-שטראלן זענען אויפגעגאנגען
פון שווארצער ערד — די זינגענדיקע זאנגען.
געשניטן זיי, געדראָשן און געמאָלן,
די גאנצע שפע פון די בערג און טאָלן
געבראכט אהיים אין קאמער און אין שייער.
איז אונזער לאנד דער שונא איבערפאלן,
גערויבט, פארוויסט, געלאָזן מיטן פייער!

אַ ערד, פארוואָס האָסטו נישט אויפגעצאָרנט
אקעגן אקער — צי פארשטיינט געוואָרן?
אַ הימל, פון דיין טוי האָט אלץ צעבליט זיך —
פארוואָס האָסטו מיט קופער נישט פארשמידט זיך?
פארוואָס, אַ ווינט, די זאמען נישט פארטראָגן?
פארוואָס, אַ האָגל, זאנגען נישט צעשלאָגן?
ווי איידער זאנגען זאָלן הויך זיך הויבן,
און שפעטער זאָל דער שונא זיי צערויבן!

קלאָג-ליד פון פרויען

אין נעכט, אין הייסע, האָבן מיר פאַרשוואַנגערט.

געבוירן קינדער, ווי די הינדלעך, שוואַכע.
געזויגן זיי, פאַרוויגט אין נעכט אין וואַכע.
ביי יעדער קראַנקהייט און ביי יעדן מאַנגל —
מיט טויט און לעבן זיך פאַר זיי געראַנגלט.
ביז אויסגעוואַקסן איז מיט מזל יעדער:
די בתולות: שיינע, שלאַנקע, ווי די צעדער.
בחורים: שטאַרקע, פלינקע ביז צום גאַפן.
איז אונזער לאַנד דער שונא איבערפאַלן,
געהרגעט און געשענדט, פאַרקויפט פאַר שקלאַפן.

אַ טראַכט, פאַרוואָס געעפנט זיך פאַר זאָמען —
איר האָט געדאַרפט זיין פרוכטלאָז ווי תהומען!
אַ ברוסטן, מילך האָט איר געגעבן גערן —
איר האָט געדאַרפט ווי פעלזן האַרט צו ווערן!
א קללה האָט געדאַרפט אַריין אין לייבער,
מיר זאָלן אייביק שוין עקרות בלייבן,
ווי זען די שטאָלצע זין אלם קנעכט דעם שונא'ס,
די טעכטער אויפן מאַרק — פאַרקויפט פאַר זונות!

ע ר ש ט ע ר פ ו ן פ אָ ל ק: ס'איז יום-טוב היינט אין אונזער לאַנד ישראל,
נאָר נישט געזאַנג, נישט טענץ און נישט געלעכטער —
בלויז אַש אויף קעפּ, די קליידער איינגעריסן.
צ ו ו י י ט ע ר פ ו ן פ אָ ל ק: ווי לאַנג נאָך וועלן וויינען מיר און קלאָגן?
צום נביא לאָמיר גיין, צום נביא שמואל!
ד ר י ט ע ר פ ו ן פ אָ ל ק: דער נביא איז שוין אַלט.
פ ע ר ט ע ר פ ו ן פ אָ ל ק: פון פיין געבראָכן.
צ ו ו י י ט ע ר פ ו ן פ אָ ל ק: טאָ זאָל ער געבן אונז אַ צווייטן מענטשן.
וואָס זאָל אונז פירן קעגן בייזן שונא!
ע ר ש ט ע ר פ ו ן פ אָ ל ק: אַזאַ ווי גדעון!
ד ר י ט ע ר פ ו ן פ אָ ל ק: צי אַזאַ ווי יפתח!
ע ר ש ט ע ר פ ו ן פ אָ ל ק: פאַרגאַנגען איז די צייט שוין פון די שופטים.
א העלדנטאַט פלעגט אויפהייבן אַ מענטשן,

נאָר איז דער מענטש געשטאָרבן, איז דאַן ווידער
דאָס פאָלק אָן שוץ און אָן א הילף געבליבן.
מיר דארפן א גבורים-שטאַם איצט האָבן,
וועט שטארבן איינער — ווערט זיין זון א יורש!
א מלך נייטיק איז דעם פאָלק!

דאָס וואָרט ווירקט ווי א כשוף. ס'כאפט ארום אלע.

אלע: א מלך!

שמעון: צום נביא שמואל לאָמיר גיין!

צום נביא!

א מלך זאָל ער ווילן אונז!

א מלך!

די מאסע ברויזט-אויף. אלע רייסן זיך צו שמואלס חויז. דער ע'שטער זקן פארשטעלט זיי דעם וועג.

ערשטער זקן: קיין טריט נישט ווייטער — שטייט!

א שטים: וואָס וויל דער זקן?

ערשטער זקן: צי קענען אלע גיין דען צו דעם נביא
און אלע צו אים רעדן? — קלויבט שליחים!

א שטים: צו וואָס שליחים? זאָלן גיין די זקנים.

שטימען: די זקנים זאָלן גיין! די זקנים! זקנים!

עס קומען ארויס אין פאָדערגרונט דריי זקנים.

ערשטער זקן: זאָל זיין. נאָר פאר דעם גיין צום נביא שמואל
מיר ווילן פריער האלטן זיך אָן עצה.
גייט אָפּ אויף צריק און וואַרט אויף אונזער ענטפער.

דאָס פאָלק ציט זיך צוריק. עס בלייבן בלויז איבער די דריי זקנים.

ערשטער זקן: געדענקט, נישט שרעקן זיך, נישט ייִנגליש שטאַמלען.
מיר גייען איצט נישט בלויז אין אונזער נאָמען,
פון אונזער מויל וועט רעדן ס'פאָלק ישראל.

צווייטער זקן: וועט דאָס נישט הייסן, אז מיר קומען רויבן
דעם נביאס אָנזען? וועט עס נישט באטייטן,
אז מיר געטרויען אים נישט? — ער וועט צערנען!

דריטער זקן: מען זאָגט: דעם נביאס שארפער בליק, דער שטרענגער,
מאכט ציטערן דאָס הארץ און וואַקלען קניען.

ערשטער זקן: איר רעדט אצינדער מיט אזויפיל פחד,
איז ווי — ווען ער וועט שטיין שוין אייך אקעגן?

קוים שטייען מיר פאר אים — מיר דארפן ווערן
נישט דריי, נאָר איינער! ווייל ס'איז אונזער טענה
דאָך אייך נאָר איינע: גיב א מלך, נביא!

צווייטער זקן: איז וועמען פאָדערן? פון וועלכן שבט?

ערשטער זקן: דעם מענטשן זאָל דער נביא זעלבסט באשטימען,
פון וועלכן שבט? קלאָר — פון סאמע גרעסטן
אין ישראל, פון חשובסטן — יהודה!

צווייטער זקן: יהודה? כ'מיין גאָר, אז פון יענעם שבט
פון וועלכן משה האָט געשטאמט און אהרן
דארף אויך א מלך זיין — פון שבט לוי.

ערשטער זקן: איז ווייניק דיר, וואָס האָסט פארכאפט דעם הימל,
דו ווילסט נאָך אויך די ערד? צופיל דיר כהן!

דריטער זקן: פון מיין שטאם עמעצער האָט שוין געקיניגט,
דער בעל חלומות: יוסף! אין מצרים.
ווילט איר א מלך, איז בלויז פון אפרים!

צווייטער זקן: נישט דער, וואָס האָט געוועלטיקט איבער פרעמדע,
איז ראוי הערשן איבער פאָלק ישראל!

ערשטער זקן: גענוג געצאנק! עס גייט אהער דער נב׳א!

אויפטריט שמואל.

שמואל: איך האָב געהאט א וואונדערבארע זעאונג,
נאָר פלוצעם האָבן פון דער גאס געשרייען —
צעשטערט זי. גאָט באוויזט זיך נאָר אין שטילקייט...

ערשטער זקן: און ס'פאָלק — אין שטורעם!

שמואל: ווי ער וואָלט זיך אויפגעוועקט פון שלאָף.

וואָסזשע ווילט איר, זקנים?
אויף אייערע געזיכטער זע איך וואָלקנס
און זאָלן זיי אייך ברענגען דונער — ענטפערט!

ערשטער זקן: מיר זענען פון דעם פאָלק געשיקט... שליחים...

שמואל: איך קום אליין צום פאָלק, ווען דאָס איז נייטיק.

צווייטער זקן: פארגיב דעם פאָלק און אונז זיי מוחל, נביא..
געבראכט האָט אונז צו דיר פון פאָלק די ליידן
און פון דער קנעכטשאפט — זיין פארלאנג צו פרייהייט.

דריטער זקן: עס איז באקאנט דאָך דיר פון לאנג שוין, נביא,
דער פלישתי האָט באשטימט ביי אונז נציבים
אין יעדער גרויסער שטאָט פון לאנד ישראל

צו נעמען צינז פון אונזער פי און תבואה.
איז זיי די רויב די אָפענע נאָך ווייניק,
באפאלן זיי די שטעט נאָך און די דערפער,
פארטרייבן טשערעדעס פון שאָף און רינדער.
זיי רויבן אויס די שייערן, די קעלטערס,
פארוויסטן אונז די גערטנער און די פעלדער,
און אונזערע באהנטע זין און טעכטער
פארקויפן זיי אוועק פאר קנעכט און שקלאפינס.

ערשטער זקן: מיר וואָלטן נישט געשוויגן, ווייל עס פעלן
קיין יונגע, דרייסטע מענטשן אין ישראל.
נאָר נישט פאראנען איז ביי אונז קיין וואָפן,
ווייל ס׳האָט דער פיינט, דער פלישתי, שטרענג פארבאָטן
מיר זאָלן זיך מיט שמידעריי פארנעמען.
און אויב עס דארף פון אונז ווער בלויז אן אקער,
א סערפ — דער מוז צום פלישתי קומען שמידן.

צווייטער זקן: און לעצטנס האָט נאָך ערגערס זיך געטראָפן:
זיי האָבן זיך א מלך אויסגעקליבן.
ס׳איז דרייסט און העלדיש זייער מלך אַכיש!
ער האָט באוויזן שוין צו שלאָגן צידון
און ווער קאָן וויסן, היינט נאָך, אָדער מאָרגן
ער קאָן די גרענעץ פון אונזער לאנד באפאלן.

שמואל: עס וועט אייך גאָט באשיצן און באשירמען.

ערשטער זקן: עס האָט פארלאָזן אונז דער גאָט ישראלס.
איצט העלפן איז אימשטאנד אונז בלויז א מלך!

שמואל: *דערשטוינט.* א מלך?!

ערשטער זקן: צו פארייניקן די שבטים —
פון שבטים צוועלף א פאָלק א גאנץ צו ווערן.

שמואל: אייך טיילן נישט די שבטים, נאָר — די געטער!
און נישט קיין מלך — ס׳דארף איין גאָט אייך בינדן!
ס׳איז גראָד נישט אייער אומגליק די מתנות,
וואָס איר וועט ברענגען פארן מלך אכיש,
נאָר אייערע קרבנות — זייער דגון!

ערשטער זקן: ווייל שטארק און מעכטיק איז דער פלישתי־שונא,
געאכטעט ווערן אויך די געצן זיינע,
וואָלט ער אמאָל פארשפילט, וואָלט אויך ישראל

אויף שטויב צעשטויסן זיינע פאלשע געטער,
ווייל ווער דען דינט א גאָט, וואָס קאָן נישט שיצן?
שמואל: איז אייך באקאנט די פירונג פון א מלך?
ער נעמט ביים פאָלק די זין, די שיינע, שטארקע,
צו אקערן, פארזייען זיינע פעלדער
און לויפן צו זיין כבוד פאר דעם וואָגן.
די צארטע, איידלע טעכטער זיינע נעמט ער
פאר קעפּסווייבער, פאר קעכינס, און פאר דינסטן.
די בעסטע פייגנביימער, איילבירט-ביימער
צעשענקט ער צווישן זיינע קנעכט און שרים.
פון פי און פעלדער וועט ער נעמען מעשר.
די שקלאפן אייערע, די קעמלען, אייזלען,
וועט שפאנען ער אין יאָך פון שווערער ארבעט.
צו גאָט וועט שרייען איר און בעטן רעטונג,
ער זאָל פון יאָך דעם מלכס אייך באפרייען,
נאָר אָפּקערן וועט גאָט פון אייך, און קיינער
וועט אייך נישט שיצן פאר אָט דעם באשיצער!
צווייטער זקן: ס'וועט נעמען גערטנער אונזערע דער מלך,
דערפאר שוין די, וואָס ער וועט איבערלאָזן —
פון פיינטס פארוויסטונג וועט ער היטן, שיצן.
דריטער זקן: און נאָך א זיג וועט ער מיט אונז זיך טיילן,
דעם זאקרויב און דעם טרייברויב פונם שונא.
ערשטער זקן: ער וועט פון וועמענס זין א קנעכט זיך נעמען,
ער וועט דערפאר א סך פון זיי אויך מאכן
פאר דרייסטע העלדן און פאר שטאָלצע פירשטן.
זקנים: אָ נביא! גיב א מלך אונז, א מלך!
שמואל: ס'איז וואָר, כ'בין אלט און קאָן נישט אויף קיין משפט
אין ווייטסטע שטעט און דערפער צו אייך קומען,
די קינדער אָבער — יואל און אביה...
צווייטער זקן: זיי זענען שופטים, בלויז א שטרייט צו שטילן
ביי אייגענע, נאָר נישט צו פירן שלאכטן
אקעגן פרעמדע.
ערשטער זקן: פאר א פאָטערס אויער
וועט זיין א סך מער פיינלעכער צו הערן,
א נביא אָבער — מוז דעם אמת וויסן:

פון רעכטן וועג פארבלאָנדזשעט דײַנע קינדער —
דעם אמת גיבן זײ אװעק פאַר שוחד.

די זקנים דערװאַרטן, אז שמואל זאָל זײ דערװידערן, נאָר ער שװײַגט. דאָס מאַכט זײ אַפּאַטיש, און זײ נעמען קוקן פארלוירן אײנער אויף דעם צװײטן. ענדלעך זאָגט דער נביא:

שמואל: איך זעג בײַ מיר אין הויז איצט הויכע אורחים.
אין צװײטן חדר װעלן מײַנע דינער
אײַך צעפּוצן די פיס פון שטויב. לײגט אונטער
דאָס האַרץ. װאַרט דאַרטן צו. איך װעל דאָ הערן
א װאָסער ענטפער װעט אײַך גאָט מיר געבן.

זקנים אָפּ.

װי שטײנער האָבן זײ אין מיר געװאָרפן
די שװערע עװלות פון די קינדער מײַנע,
און איך, דער פאָטער, איך האָב שטיל געשװיגן.
מסתּמא האָט אויך אזױ געפילט זיך עלי,
װען כ׳בין צו אים אין יענער נאַכט געקומען
פון גאָט גערופן דרײַ מאָל נאָכאַנאַנדער.
װי בלײַך, צעמישט עס איז געװען דער זקן!
נישט זײַנע קינדער װעלן שפּעטער ארבן
זײַן אָרט פאַר גאָט, נאָר איך — א מענטש, א פרעמדער.
אַ גורל, װי דו חזרסט איצט זיך איבער!

פּויזע.

און איצט, װאָס זאָל איך טון? א װאָסער ענטפער
זאָל געבן איך דעם פאָלק און זײַנע זקנים?
װעל איך נישט געבן זײ א מענטש, װאָס פריער,
װעט קומען א פארפירער, א באַטריגער
און אויף געמיט צעגליטן פון דער עדה
די קיניגלעכע קרוין פאַר זיך באַלד שמידן.
זײַ מודה, שמואל — װי עס טוט נישט װײ דיר —
אװעק דײַן צײַט שױן. ס׳פאָלק דאַרף איצטער האָבן
א צװײטן פירער, פון א מין א נײַעם.
װען בלויז אויף כּוח שטיצט זיך אונזער שונא,
דאַרף האָבן אויך א מענטש פון קראַפט — ישראל!
זאָל ער די שװערד זײַן קעגן אַלע שונאים.

נאָר איך — די שייד פון אַט דער שווערד דאַרף ווערן.
אינדרויסן וואַרט דאָס פאָלק. די זקנים וואַרטן.
איז וועמען זאָל איך ווײַלן? וועמען? וועמען?

פּלוצעם דערפילט ער עמעצן לעבן זיך. ער דרייט זיך שנעל אויס.

פאַר אים שטייט שאול.

ש א ו ל: ביסטו עס שמואל, דו, דער רואה שמואל?
ש מ ו א ל: כ'בין שמואל. איז דיר נישט באַקאַנט מיין אויסזען?
בין איך דאָך יאָרנלאַנג אַרומגעפאָרן
פון שטאָט צו שטאָט אויף משפט ביי ישראל.
ש א ו ל: פאַרגיב מיר הייליקער, דער מענטש, וואָס לעבט זיך
מיט יעדן גוט — ווי זאָל דעם שופט קענען?
ש מ ו א ל: איז ווערזשע ביסטו און פון וואָסער שבט?
ש א ו ל: א מענטש געדענקט נאָך אויפן וועג א צעדער.
נאָר ווער געדענקט עס פון א קוסט א ביימל?
כ'הייס שאול. און מיין שבט איז — בנימין.
ש מ ו א ל: און וואָס זאָל זיין די סיבה פון דיין קומען?
ש א ו ל: פאַרפאַלן זענען אונז געוואָרן אייזלען...
ש מ ו א ל: זיי רויק, זון, זיי וועלן זיך געפינען.
ווי לעבסטו, שאול, דאָרט אין דיין בנימין?
ש א ו ל: איך אַרבעט אויפן פעלד מיט מיינע אָקסן,
און כאָטש איך האָב אליין שוין גרויסע קינדער,
מיט טאַטע - מאַמע וווין איך אַלץ צוזאַמען.
ש מ ו א ל: צי קומסטו אין געזעמל צווישן מענטשן?
ש א ו ל: כ'בין שטאַרק אַזוי און הויך, פון אַלע העכער,
וואוהין איך קום — מיך זעען תיכף אַלע.
עס איז מיין גבורה פאַרכטיק פאַר די מענטשן,
(ווייל מענטשן זעען רויב און גוואַלט אין גבורה)
דעריבער הויז איך בלויז מיט מיינע נאָנטע.
ש מ ו א ל: פאַר זיך. דו האָסט געפונען חן אין מיינע אויגן.
דו ביסט א מענטש א שטילער און אן עניו.
א מענטש אַזאַ ווי דו, קאָן פריי זיין, דאַנקבאַר.
ביז גאָר געהאָרכזאַם.

אויפן קול.

שאול פון בנימין!

איך האָב צוגאָסט ביי מיר אין הויז די זקנים,
איך וויל פאַר זיי א מאָלצייט איצטער גרייטן,
אויך דיך פאַרבעט איך אויף דער זעלבער סעודה.

שאול: איך העל זיך, נביא. מיט דעם ביסן ווארגן,
אויב כ'וועל ביים זעלבן טיש צוזאַמען זיצן
מיט זיי, די לייט די חשובע, די זקנים.

שמואל: מיט גרויסע לייט איז ביטערלעך דער ביסן,
זאָר לערן דיך אים. זון, אראָפּצושלינגען.

שאול: וואָס בין איך, נביא? וואָס באַטייט איך, נביא?
מיין שבט אין ישראל איז דער קלענסטער,
די קלענסטע אין דעם שבט — מיין משפּחה.

שמואל: אויב נישט געאַכטעט ווערט אין פאָלק דיין שבט —
וועט זיין דיין רום ביי אים פון רום דער אָנהייב.
איז קליין דיין שבט — ווייס: די צאָל פון הערשער
פון די באַהערשטע, איז זי תמיד קלענער.

ער נעמט א קרוג מיט בוימל.

גענעך, מיין זון, ביינ־אָן דעם קאָפּ, איך וויל דיך
איצט זאַלבן פאַר א מלך פון ישראל.

שאול: מיך זאַלבן פאַר א מלך? שפּאַסט דער נביא?

שמואל: ס'האָט גאָט געזאָגט צו מיר אזוי צו זאָגן:
ווייל ס'ליבט און אַכטעט שאול זיין משפּחה,
צו שיצן וויל איך אים אצינד שוין געבן
א גרעסערע משפּחה — ס'פאָלק ישראל!

ער זאַלבט שאולן.

הער אוים קישם זון: ס'האָט גאָט אצינד געוויילט דיך
פאַר מלך פון דערוויילטן פאָלק ישראל.
דאָס ערשטע מאָל געשעט, אז גאָט צעטיילט זיך
מיט זיין ממשלה איבער פאָלק ישראל.
ס'האָט משה קיינמאָל נישט די קרוין געטראָגן
און אויך יהושע האָט זי נישט באַקומען
און נישט קיין איינער פון די אַלע שופטים.
נאָר כ'האָב די זקנים פון דעם פאָלק געוואָרנט
מיט דעם ווי ס'פירט זיך אויף א יעדער מלך,

נאָר איצטער וויל איך, זון פון קיש, דיך וואָרנען
פאר דעם, ווי ס'פירט זיך אויף דאָס פאָלק ישראל.
זיי וויסן: ס'וועלן צווי אויף משפט קומען,
צופרידן אבער וועט אוועקגיין — איינער.
דער צווייטער, ער וועט ווערן באלד דיין שונא.
מיט ביטול וועלן זען דיך די נאראָנים.
ווייל דאכטן וועט זיך זיי: עס איז גענוג שוין
די קרוין אליין, כדי צו קענען הערשן.
און ס'וועלן שאלקהאפטיקע הויך דיך לויבן,
ווייל אָפט פון דיר זיי וועלן שטיל פארלאנגען
עס זאָל די קרוין נישט נאָר דיין קאָפּ באדעקן,
נאָר אויך די מעשים זייערע די מיאוסע.

אויפטריט זקנים.

ערשטער זקן: אַ נביא! ס'פאָלק איז אומרויק. מיר בעטן
אן ענטפער!

שמואל: גוט. איר האָט פארלאנגט א מלך,
איז האָט מיר גאָט געזאָגט אזוי צו זאָגן:
די זקנים מוסר נישט, אויף זיי נישט צאָרן,
נישט דו, נאָר איך, פארמיאוסט בין געוואָרן
ביי זיי און ביי דעם פאָלק. איצט פאָלג זיי, נביא,
און פאר ישראל וויל מיר אויס א מלך. —
איך האָב אצינד געוויילט פאר אייך דעם מענטשן.

זקנים: האָסט שוין געוויילט דעם מלך פאר ישראל?

שמואל: פאראנען איז דער מענטש און ער געפינט זיך
אצינד מיט אונז צוזאמען דאָ אין חדר.

די זקנים קוקן זיך איבער צעמישטע: אויף וועמען פון זיי איז געפאלן דער גורל. זיי באמערקן נישט שאולן, וועלכער האָט זיך פארוקט אין א ווינקל.

זקנים: און ווער פון אונז איז דאס דער אויסדערוויילטער?

שמואל: ווייזט אויף שאולן.
דאָס איז דאָרט ער, דער מענטש אין יענעם ווינקל!

די זקנים דערזעען שאולן.

צווייטער זקן: און ווער איז ער דער מענטש, דער אומבאקאנטער?
דריטער זקן: זיין שבט זאָג אונז און פונוואנען שטאמט ער?

שמואל: מען רופט אים שאול.

ערשטער זקן: פון א וואָסער שבט?

שאול: דער זון פון קיש... פון גבעה... פון בנימין...

ערשטער זקן: צי מיינט דער נביא שפּאס מיט אונז צו טרייבן?

צווייטער זקן: צי איז ישראל דען ווי די פלגש,
וואָס יענע חברה האָט אמאָל פאַרגוואַלטיקט?

שמואל: צי ווילט איר ווידערשפּעניקן, איר זקנים?

דריטער זקן: ווער זענען מיר דען, נביא, דיר צו זאָגן
צי יאָ, צי ניין. דאָס פאָלק פרעג בעסער, זאָל עס
דעם מלך דיר אליין איצט באַוויליקן.

ערשטער זקן: נישט קומען וועלן מיר צום פאָלק אצינדער
מיט דעם־אָ מלך. ס׳וועט דאָס פאָלק דאָך לאַכן!
מיט שטיינער וועט מען תיכף אונז פאַרוואַרפן.

שמואל: געמיינט האָב איך, אז אויף אן אמת זענט איר
אימשטאַנד אליין דאָ איצטער אלץ באַשליסן.
זאָל יעדער גיין אהיים צו זיך בשלום.
עס וועט מסתם א טאָג אזעלכער קומען,
ווען כ׳וועל זיך פאַרן פאָלק מיט אים באַווייזן.

די זקנים גייען אָפּ.

הער, שאול, ס׳האָט אין גבעה שוין דיין פאָטער
נאָך נעכטן אָפּגעפונען זיינע אייזלען.
ס׳איז בלויז באַאומרויקט דיין טרייער פאָטער
צוליב דיין זאָמען זיך. אים שרעקט דיין גורל.

שאול: צום אקער ווידער? ווידער צו די אָקסן?

שמואל: וואָס איז מיט דיר? דו ווילסט נישט? אומצופרידן.

קוקט אויף אים שטרענג. שאול האַלט נישט אויס שמואלס בליק און שטאַמלט:

שאול: איך גיי...

שמואל: איז גיי צוריק צו דיר קיין גבעה
און וואַרט געדולדיק ביז דיין צייט וועט קומען.

שאול אָפּ.

דער זון פון קיש — ער האָט זיך גיך געביטן!
מיט וויפל טרויער, טענה און תרעומות
דער שאול האָט אויף מיר געקוקט ביים פרעגן:

„צום אקער ווידער, ווידער צו די אָקסן?"
צי וועט אַמאָל נישט אַט דער פייער שאול
זיך שטעלן קעגן דעם, וואָס האָט געזאַלבט אים?
זיי רויק, שמואל, ס'זענען נאָך די בליקן
פון גאַנץ ישראל גלייך געווענדט קיין רמה.

א טומל. עס רייסט זיך אריין דאָס פאָלק.

ערשטער פון פאָלק: אָ נביא, ס'האָבן אונז דערציילט די זקנים,
אז האָסט אצינד א מלך אויסגעקליבן!

שמואל: דעם אמת האָבן אייך געזאָגט די זקנים.

צווייטער פון פאָלק: איז אמת אויך, אז ס'איז זיין נאָמען שאול?

שמואל: מען רופט אים שאול, פון דעם שטעטל גבעה.

פאָלק: דעם מלך גיט אונז! ווו איז דער מלך?!

שמואל: נאָר־וואָס מיין חדר האָט פאַרלאָזן שאול,
ער איז איצט אויפן וועג, וואָס פירט קיין גבעה.

שמעון: מען דאַרף אים רופן!
גיכער, לויפט אים רופן!

א טייל פון פאָלק לויפט ארויס ברענגען שאולן.

א שטים: ער מעג זיך גיין צוריק צו זיין בנימין!

מען ברענגט צוריק שאולן. ער איז דערשראָקן, האָט מורא זיך צונויפצוטרעפן מיט שמואלס בליקן. מען נעמט אים ארויף לעבן שמואלן, ווי נאָר שאול דערפילט זיך ביי שמואלס זייט, פנים אל פנים מיטן פאלק־גלייכטן ער זיך אויס און הייבט אויף שטאָלץ דעם קאָפּ.

שמעון: ווי שיין ער איז!
ער איז פון אלע העכער!

פאָלק: יחי! זאָל לעבן לאַנג דער מלך שאול!

מיטאמאָל הערט זיך א יעמערלעך קלאָגן. עס קומט אלץ נעענטער און נעענטער. עס לויפט אריין א מענטש, איינגאַנצן פאַרשטויבט, די קליידער צעריסן.

שליח: הער אוים! הער אוים! הער אוים מיך פאָלק ישראל!

שמעון: ווער שרייט אזוי?
ווער קלאָגט אזוי?
וואָס וויל ער?

שליח: דער רוצח, דער מלך עמונס — נחש,

דאָס שטעטל יבש גלעד איז באפאלן!

פאָלק: וויי-וויי! אַ אומגליק!

אשטים: זאָג: איז דען נישט מעגלעך
צו מאכן וויך דאָס הארץ זיינס מיט מתנות?

שליח: מיט איין תנאי בלויז וויל נחש שליסן שלום:
ביי יעדן איינוואוינער פון יבש גלעד
זיין אויג, דאָס רעכטע, מאכן בלינד!

פאָלק: דער אכזר!
וואָס פאר אן אומגליק!
וויי אונז צו דער בושה!

שליח: געשיקט האָט איצט מיך יבש גלעד בעטן
די ברידער אייערע צו קומען העלפן!

פאָלק: אוי-וויי אונז!

שליח: ברידער! גיט מיר אייער ענטפער!

פאָלק: אוי - וויי אונז!

שאול רייסט זיך ארויס אין פאָדערגרונט.

שאול: צי איז א קלאָגמוטער געוואָרן
דאָס גאנצע פאָלק ישראל? נישט קיין טרערן,
נאָר אייער בלוט אין שלאכט די ברידער דארפן!
א רינד נעמט און צעשניידט אויף צוועלף חלקים —
ווי ס׳איז די צאָל פון שבטים פון ישראל.
און גלייך צעשיקט א טייל צו יעדן שבט,
און זאָלן די שליחים איבערגעבן:
ווער וועט נישט גיין מיט שמואלן און שאולן,
כדי פארמיידן ברידערס בלוט און טרערן —
וועט אויך זיין רינד אזוי צעשניטן ווערן!

דאס צווייטע בילד

נאָך דעם זיג איבער עמלק. גלגל. קריגער און פאָלק. איבער
אַ גרויסן פלאַץ איז צו זען דעם חיילס געצעלטן און פּי און זאַק-
ריוו פון שונא. בלאָזן פון שופרות.

ע ר ש ט ע ר ק ר י ג ע ר : יחי! זאָל לעבן לאַנג דער מלך שאול!
ק ר י ג ע ר : יחי! זאָל לעבן לאַנג דער מלך שאול!
פ אָ ל ק ! יחי!
ע ר ש ט ע ר ק ר י ג ע ר : קוקט-אָן נאָר יענע לייט געשעצטע,
זיי רימען דאָ און לויבן אונזער מלך,
ס'איז אייער לויב אונז עקלדיק און מיאוס!
ע ר ש ט ע ר ב י ר ג ע ר : צי האָבן מיר דען אייך נישט אויפגענומען
מיט ברויט און וואסער און מיט טענץ און לידער.
צ ו ו י י ט ע ר ק ר י ג ע ר : נישט אונז זענט איר אצינד מקבל פנים,
נאָר דעם נצחון. יענעם טאָג דערמאָנט אייך,
ווען דורך די גאסן זענען מיר געגאַנגען
צום וועג אויף דער מלחמה קעגן שונא.
מיט חוצפה זענט איר דעמלט זיך געשטאַנען
און פון די ברייט-צעעפנטע טיר און פענצטער
געשפּאָט פון אונז און פון דעם מלך שאול.
ד ר י ט ע ר ק ר י ג ע ר : דערזען זיי האָבן שיינע, בונטע קליידער,
און זיך אַ לאָז געטון פון אַלע הייזער.
געשעצטע! אפשר געבן אייך אַ חלק?
ע ר ש ט ע ר ב י ר ג ע ר : איך וויל נישט קיין מתנה, גרייט צו קויפן.
ס'איז מעגלעך, אז די פּי פאר זיך גאָר דאַרפט איר,
די קליידער אַבער, די פון זייד און פורפור —

ערשטער קריגער: צי מיינט איר, אז נאָר איך, די לײַט די אײדלע
פון דעם יהודה־שבט, צי אפרים,
זיי וועלן פּאַסטן די פּרעכטיקע קליידער?
אויך מיר און מיין ווייב פּאַסטן זיי צום פּנים!
צווייטער קריגער: וואָס טוען זיי דאָ? יאָגט זיי גלייך פונדאַנען!
קריגער: א טויט זיי אלע!
טויט! א טויט זיי אלע!

דאָס פאָלק ציט זיך צוריק אין פּחד. די געשרייען שטאַרקן זיך.
פון א געצעלט קומט אַרויס שאול, אבנר.

קריגער: יחי! זאָל לעבן לאַנג דער מלך שאול!
פאָלק: דערבאַרעם זיך, אָ ראַטעווע אונז מלך!
שאול: וואָס איז געשען דאָ? וואָס פאַר א געשרייען?
פאָלק: די קריגער דיינע דראָען אונז צו טייטן!
ערשטער קריגער: זיי האָבן איצט, די לײַט, דעם טויט פאַרדינט זיך,
דייך פריער נישט געוואָלט פאַר זייער מלך.
שאול: קיין וואָרט נישט מער! דאָס פאָלק ישראל פייערט
די בלוט־נקמה איבער זיינע שונאים
און נישט נקמה איבער פיינט פון מלך.
איך וויל דער טאָג זאָל ווערן איצט געפייערט
נישט בלויז אלס טאָג פון זיג און פון נקמה,
נאָר אויך אלס טאָג פון חסד און פאַרגעבונג!
פאָלק: יחי! זאָל לעבן לאַנג דער מלך שאול!
אבנר: דו מיינסט, אז ביי דעם פאָלק ווערסטו געווונען
מיט חסד — ניין! ידו מאַכסט א גרויסן טעות.
דו האָסט פאַרלוירן איצט א צייט א גוטע,
ווי לויז צו ווערן פון די גרעסטע שונאים.
אין דער נאָכגיביקייט פון זיינע הערשער
דאָס פאָלק ביי זיי נאָר זעט: דעם שוואַכן כוח!

ביידע אָפּ אין געצעלט.

ערשטער בירגער: צום טאָג פון גרויסן זיג מיר ווילן, קריגער,
מיט א מתנה אייך אצינד באַשענקען:
ביי אונז אין קעלטער שטייען פולע לאָגלען
מיט אלטן וויין. מיר האָבן שוין באַפוילן
די קנעכט, זיי זאָלן זיי אהער אייך ברענגען!

צווייטער קריגער: צו די בירגער.
איר האָט נישט באוויליקט אין שלאכט צו געבן
דאָס בלוט — איז גיט כאָטש אייער ווײַן דעם חייל!
ערשטער קריגער: כ׳האָב מורא, שמעי, ס׳קאָן זיך באלד נאָך ווייזן,
אז פאלש אזוי איז זייער ווײַן אין לאָגלען,
ווי ס׳איז דאָס בלוט ביי זיי אין די אָדערן!

קנעכט טראָגן אריין פעסער ווײַן. די קריגער טרינקען.

צווייטער קריגער: אָ! כ׳האָב זיך גוט דערפרישט!
דריטער קריגער: דאָס זאמד פון מדבר
האָט מיר דער ווײַן איצט אָפּגעשווענקט פון גומען!
ערשטער קריגער (זינגט):
אליין איז ער שווער, די פּיס מאכט ער גרינגער!
צווייטער קריגער (זינגט):
אליין איז ער אלט, נאָר אונז מאכט ער יינגער!

זיי טרינקען, זינגען. זייערע געשרייען ווערן אַלץ ווילדער, פון געצעלט גייען ווידער אַרויס שאול און אַבנר.

אבנר: ס׳איז אומרויק דאָס חייל. שווער איז צוימען
די הפקרע, צעווילדעטע, רויע חושים.
קוים וועסטו זיי נישט גרייטן גלייך די סעודה,
און דאָס פארמעג פון שונא נישט צעטיילן —
דאַן וועלן זיי נאָך אונזער שטאָט באפאלן
און רויבן דאָרט. וואָס שמואל האָט פארבאָטן
ביים שונא, ביי עמלקן, צו נעמען.
שאול: צי ווייסטו נישט, אז שמואל האָט פארבאָטן
אָן אים צו ברענגען אונזער גאָט קרבנות?!
אבנר: ווי לאנג נאָך אָבער קלערסטו אויף אים ווארטן?
דער זעלבער ווינט, וואָס טראָגט דעם נביא שמואל
דעם רויך פון די קרבנות צו דעם הימל —
וועט דײַנעם אויך ארויף אהין פארטראָגן!
שאול: ווער האָט עס מיר אויף דעם א רעכט געגעבן?
אבנר: דער זיג!
שאול: און וואָס וועט שפּעטער ס׳פאָלק מיר זאָגן?
אבנר: דו ווילסט עס וויסן?

רופט אויפן קול.

הערט מיך אויס, איר קריגער!
געדאַרפט האָט קומען איצט דער נביא שמואל,
ווי ס'איז דער מנהג: ברענגען גאָט קרבנות.
נאָר ס'איז נישטאָ קיין שפור פון זיינע פוסטריט.
כ'ווייס גוט, איר קריגער, אז איר זענט פארמאַטערט
פון ווייטע וואַנדערונגען, שווערע שלאַכטן.
איר בענקט מסתם און חלומט פון די היימען,
ווו ס'וואַרטן איצט אויף אייך מיט זאָרג און אומרו
די מאַמעס, פרויען, קינדער, קרובים, שכנים.
וואָס פריער וויל שוין יעדער קומען ברענגען
די בשורה פון דעם פריידיקן נצחון.

קריגער: גערעכט איז אבנר!

צו די היימען, קריגער!

אבנר: ווי קאָנען מיר אייך אָבער לאָזן גיין איצט
און נישט צו ברענגען אונזער גאָט קרבנות,
נאָר ס'האָט דער נביא שאַרף און שטרענג פארבאָטן
אָן אים צו ברענגען אונזער גאָט קרבנות,
און ס'איז דער מלך שאול גאָר באַשיידן
און וואַרט אַליין, אז דער נביא זאָל נאָך קומען.

קריגער: גענוג געוואַרט!

אבנר: צי האָט געהערט דער מלך?

שאול: דערלויבט א שעה... א רגע כאַטש... צו וואַרטן...

אבנר: ס'איז שוואַך מיין שטים... נישט מער ווי איינע... קריגער!
רעדט איר צום מלך!

די קריגער רינגלען אַרום שאולן.

קריגער: מלך! ברענג א קרבן!

שאול: וואָס ווילסטו, אבנר, טון מיט מיר, דעם מלך?
דו וועקסט אין מיר א גלוסט, פאַר וועלכער כ'שרעק זיך,
נישט גובר איז די פרוי צום מאַן איר תאווה,
דער מאַן — זיין שטאַרקן גלוסט צו מאַכט און הערשאַפט.
איך גיי, איך פרווו צו גיין אַרויף דער במה,
כ'האָב מורא אָבער, אז פון אָט דער רגע,
איך וועל אויף איר שוין שטענדיק מוזן שפאַנען.

אבנר: אַרויף! אַרויף! אַרויף דער במה! העכער!

חלפּס שאולן אַרויפשטייגן אויף דער במה. אויפלעבונג צווישן

חיל.פריידיקע אויסגעשרייען. אַלע ווילן וואָס נעענטער שטיין צום מזבח. פון וועג קומט אָן דער נביא שמואל.

ערשטער קריגער: אָט גייט ער דאָרט!
צווייטער קריגער: אָט גייט דער נביא שמואל!
דריטער קריגער: ס׳האָט ער, ער דאָרטן נישט געוואָלט א מלך!
ערשטער קריגער: געוואָלט האָט ער מסתם זיין זון אלס מלך!
צווייטער קריגער: נאָכוואָס איז ער געקומען?
שמואל: שלום! שלום!
דריטער קריגער: גענוג! מיר ווילן נישט קיין שלום מערער,
פון היינט — מיר ווילן אלע בלויז מלחמה!
שמואל: צי האָט איר נישט דערקענט דעם נביא שמואל?
צי איז גענוג אייך איין זיג פון דעם מלך,
כדי פארגעסן גאָט און נביא זיינעם?!

צווישן פאָלק א באַוועגונג. פון דער במה שטייגט אַראָפּ שאול.

איך בין שוין אלט, דער טאָג פון טויט איז נאָענט.
טאָ ענטפערט איצט פאר גאָט און זיין געזאלבטן:
ביי וועמען האָב איך זיך אן אָקס גענומען,
אן אייזל, אָדער וועמען כ׳האָב באעולט.
פון וועמען כ׳האָב אמאָל באקומען שוחד,
כדי דאָס אויג פארשטעלן פאר חטאים —
זאָגט אָפן!
פאָלק: דו האָסט קיינעם נישט באעולט!
שמואל: און זאָלן היינט מיר זיין דאָ ביידע עדות:
סיי גאָט, סיי מלך!
שאול: נביא, כ׳בין אן עדות!
שמואל: אָ זעט! ס׳איז בלאָ דער הימל ביז די ראנדן
און איבער אונז ער הענגט, ווי א פארשטאַרטער.
פון צפון אָבער קומט־אָן באלד א וואָלקן,
ווי א מרגל. גלייך נאָך אים עס שוועבן
פיל אנדערע, נאָך גרעסערע און טונקלער.
אָ זעט: זיי גיסן, שליסן זיך צוזאַמען!
צי ווייסט איר כאָטש, וואָס דאָס איז פאר א צייכן?
עס צאָרנט גאָט! ס׳איז שניט־צייט אין ישראל:
אויף פעלדער — די געבענטשטע תבואה־שפע.
נאָר זאָגן זאָגט איצט גאָט: איך שיק דעם האָגל,

ס'וועט נישט קיין האָגל זיין, נאָר שטיקער שטיינער.
אויף גערטנער, סעדער וועלן שטיינער פאַלן,
צעביינגן, אלץ צעלייגן און פארוויסטן!

ס'הערט זיך פאַלן אַ האָגל.

און נאָך זאָגט גאָט: איך שיק אויף אייך דעם דונער!
אריין וועט ער אין הייזער און אין שטאַלן,
און נישט קיין מענטש און נישט קיין פי אייך שוינען!
אויך איבער דעם לבנון זיך באווייזן,
די שטאָלצסטע צעדער לאָזן מיטן פייער!

ס'הערט זיך אַ דונערן.

און נאָך זאָגט גאָט —

פ אָ ל ק: דערבארעם זיך, אַ נביא!
טו אָפּ דאָס בייז!
זיי מוחל!
שטיל דיין צאָרן!

ש מ ו א ל: טאָ הערט: עס זאָגט מיר גאָט אזוי צו זאָגן:
איך האָב געזען, ווי ס'זענען פול געוואָרן
די הערצער זייערע מיט שרעק, חרטה,
דערפאַר וועל איך פון אייך דאָס אומגליק אָפּטון. —
ווי פריער בעטן גאָט פאַר אייך וועט שמואל
און שטענדיק ווייזן אייך דעם וועג דעם גלייכן.

זיין שטים ווערט ווידער דראָענדיק.

נאָר זינדיקט איר אקעגן גאָט אין הימל —
דאַן קומט איר אום צוזאמען מיטן מלך!

דאָס פאָלק און די קריגער דערווייטערן זיך. ס'בלייבן איבער בלויז שמואל און שאול.

צי האָסטו, זון פון קיש, דערפילט דעם ווילן
פון גאָט — און אָפּגעווישט דאָס פאָלק עמלק?
ש א ו ל: איך האָב געטון, ווי דו האָסט מיר באַפוילן.
ש מ ו א ל: פונוואַנען נעמען זיך די שאָף און רינדער
און ס'גאַנצע זאַקרויב, טרייבערויב אין דער מחנה?
ש א ו ל: דאָס פי געבראַכט אהער פון דעם עמלק,
כדי צו ברענגען אונזער גאָט אַ קרבן.
ש מ ו א ל: גאָט האָסט אָט די, וואָס ברענגען אים קרבנות

פון שאָף און רינדער. גאָט האָט ליב נאָר יענע,
וואָס קאָנען ברענגען זיך אליין אלס קרבן!

שמואל: און ווער איז דער עמלק אין דער מחנה?

שאול: דאָס איז אגג, דער מלך פון עמלק.
דאָס פאָלק און איך — מיר האָבן זיך דערבאַרעמט —

שמואל: האָט נישט דורך מיר, דעם נביא, גאָט באַפוילן
פאַרוויסטן, אָפּצעווישן גאַנץ עמלק?
איך ווייס די סיבה: האָסט דערפאַר אגגן
געשענקט דאָס לעבן, ווייל דו ווילסט אים האַלטן
ביי זיך. דו ווילסט, אז ער זאָל זיין אן עדות
פון דיין נצחון פאַרן פאָלק אויף שטענדיק.
און לעבן האָסטו געלאָזט די שאָף און רינדער,
כדי מיט זיי פאַר זיך דאָס פאָלק צו קויפן!

שאול: די עולה, וואָס עמלק איז באַגאַנגען
אַקעגן פאָלק ישראל אויף זיין וואַנדער,
געוועזן איז שוין פאַרגעסן. בלויז נצחון
איז ווייניק, ווייניק פאַר דעם מידן חייל,
מען מוז אים געבן — פרוכטן פון נצחון!

שמואל: די פרוכט פון דעם נצחון — נישט קיין אייזלען,
און נישט קיין קעמלען, קליידער, גאָלד, צי זילבער.
די פרוכט פון זיג איז נאָר און בלויז — נקמה!
און איצט — לאָז ברענגען מיר אהער אגגן!

שאול: (רופט) העי, קנעכט! ברענג מיר דעם מלך פון עמלק!

מען ברענגט אַריין אַגגן אין קייטן.

שמואל: עמלק! גרייט זיך. כ'בין דער נביא שמואל.

אגג: פאַרנייגט זיך מיט חניפה.
ביז איצט געהערט פון דיר האָט בלויז מיין אויער.
איך פריי זיך דיך צו זען מיט מיינע אויגן.

שמואל: האָסט, כלב, נישט קיין סיבה זיך צו פרייען!

אגג: איך האָב געהערט, אז דו האָסט ליב דעם יושר.

שמואל: דערפאַר וועל איך אַצינד דיך טייטן, רשע!

אגג: דו ווילסט מיך טייטן? נביא, האָב רחמנות!

שמואל: רחמנות? ס'איז א וואָרט, וואָס איז דערגאַנגען
צום אויער דיינעם, נישט אויף דיינע ליפּן.

צי האָסטו אויך געהאַט אַמאָל רחמנות
אויף יענע פרויען, וואָס האָסט אויפגעריסן
די בייכער זייערע? צי אויף די קינדער,
וואָס האָסט די קעפּלעך זיי צעקלאַפּט אין פעלזן?
אגג: איך בין נאָך יונג אַזוי און וויל נאָך לעבן!
שמואל: ס'איז גרויס גאָטס וועלט און שיין, און אַלע מענטשן
אויף איר עס ווילן לעבן! דו פלעגסט מיינען,
אַז דיר בלויז דאַרף דער בוים די פרוכטן געבן,
פאַר אַנדערע דערפאַר נאָר זיין — אַ תליה.
עס שלײדערן דיך אַלע אָפּ מיט עקל!
די ערד איז קעגן דיר: פון אירע גרונטן
די לעבעדיק - באַגראָבענע נאָך שרייען.
די טייכן זענען קעגן דיר: זיי זידן
מיט הייליק בלוט דורך דיר, אָן שולד, פאַרגאָסן.
און גערן וואָלט די זון פון אירע שטראַלן
אַ שטריק פאַר דיר געפלאָכטן אויף אַ תליה!
אגג: און מיר האָט מען געזאָגט: אַז דו ביסט קעגן
קרבנות ברענגען אויך פון שאָף און רינדער.
שמואל: ס'איז אמת. ס'קענען נישט קיין שאָף און רינדער
באַצאָלן פאַר די זינד פון שלעכטע מענטשן.
פאַר זינד מוז מען מיט זיך אַליין באַצאָלן!
אגג: צי דאַרף באמת איך אַזויפיל צאָלן?
שמואל: שוין לאַנגע יאָרן ציט זיך אונזער חשבון.
בעת מיין פאָלק אַרויס איז פון מצרים
האָט איר פון הינטן שענדלעך עס באַפאַלן.
די שטראָף די האַרבסטע יענע לייט פאַרדינען,
וואָס שטעלן זיך אַ פאָלק אַקעגן דעמלט,
ווען ס'גייט דעם וועג צו אויסגעטרוימטער פרייהייט!
אגג: דאָס לעבן שענק מיר, כ'וועל דיר וואַסער טראָגן!
שמואל: ווי קרייטעכץ וועט מיר ביטער זיין דיין וואַסער.
אגג: איך וועל אין וואַלד גיין האָלץ פאַר דיר צו האַקן!
שמואל: דאָס האָלץ, וואָס וועסט פאַר מיר אין וואַלד צעהאַקן,
וועט שטאָט אַ העלן פלאַם, בלויז רויך מיר געבן.
אגג: פאַלט אים צו די פיס.
איך וועל ביינאַכט, אַ הונט גלייך, ס'הויז דיינס היטן!

שמואל: מיט קיין שום הונט איך וועל דיך נישט פארבייטן.
אויף זיין געטריישאפט קען איך זיך פארלאָזן!
צו שאולן   באפעל אהער א קריגער!

שאול: קריגער! קריגער!

אויפטריט קריגער.

שמואל: ארויס אים פירן, קריגער!
צו שאולן. גיב דיין שווערד מיר!

קריגער פירט אַרויס אַגגן. שמואל גייט אים נאָך מיט דער בלאַנקער שווערד אין האַנט. שאול בלייבט אַליין.

שאול: איז דאָס דער נביא? כ'קען אים נישט דערקענען!
ער האָט די שווערד דאָך אין זיין האנט געהאלטן
ווי נישט קיין נביא וואָלט ער זיין — א קריגער!
איך שרעק זיך! כ'האָב פאר אים באקומען מורא!

אויפטריט שמואל.

וואָס האט געטון דער נביא מיט אגגן?

שמואל: איך האָב אגגן מיט דער שווערד צעשפּאָלטן!

שאול: אין אַנגסט.
און איצט פאר מיינע זינד, די שווערד וועסט הייבן
אויף מיין קאָפּ?

שמואל: ניין. איך האָב די שווערד געהויבן,
נאָר ביז צום קאָפּ איך וועל זי נישט דערברענגען.
די שווערד זאָל איבער דיר בלויז שטענדיק הענגען!

דאס דריטע בילד

גבעה. אין שאולס הויז. מיכל.

מיכל (זינגט):
נישט טרוי צופיל דער שפיז, מיין ליבער,
עס איז נישט בלויז אליין די שפיז.
נאָר אויך מיין ליבע, גרויסער גבור,
מאכט אין שלאכט דיך פאר א ריז.

פון שלאכט ארוים וועסטו א גאנצער,
עס וועט מיין ליבע זיין דיין פאנצער.
עס פירט דיך שנאה אין דעם קריג,
און ליבע פירט — מיט זיג צוריק!

נישט טרוי צופיל דער פייל, מיין ליבער,
עס איז נישט בלויז אליין די פייל.
נאָר אויך מיין ליבע, גרויסער גבור,
שלאָגט דעם פיינט אויף טויזנט מייל.

פון שלאכט ארוים וועסטו א גאנצער,
עס וועט מיין ליבע זיין דיין פאנצער.
עס פירט דיך שנאה אין דעם קריג,
און ליבע פירט — מיט זיג צוריק!

נישט טרוי צופיל דער שווערד, מיין ליבער,
עס איז נישט בלויז אליין די שווערד.
נאָר אויך מיין ליבע, גרויסער גבור,
יאָגט דעם פיינט פון אונזער ערד.

פון שלאַכט אַרויס וועסטו אַ גאַנצער,
עס וועט מיין ליבע זיין דיין פּאַנצער.
עס פירט דיך שנאה אין דעם קריג,
און ליבע פירט — מיט זיג צוריק!

דוד קומט צוריק פון שלאַכט. מיכל לויפט אים אַקעגן.

מיכל: מיין דוד!
דוד: מיכל!
מיכל: דאָס ביסטו? באמת?
דוד: ס'איז דוד. אָבער מיט אַ זיג נאָך רייכער.
מיכל: ווי רויק דו האָסט עס געזאָגט. און מיכל,
איז תמיד פול מיט שרעק, ווען גייסט זיך שלאָגן.
דוד: כ'האָב בלויז פאַר אײַן שלאַכט זיך אַמאָל געשראָקן.
געווען ס'איז דעמלט, ווען דער פאָטער דײַנער
האָט צוגעזאָגט דיך פאַר אַ פרוי מיר געבן,
ווען כ'וועל אים ברענגען הונדערט טויטע שונאים.
אין דער שלאַכט בלויז האָט זיך מיין הארץ געשראָקן,
אין קאָן ביסטו דאָך, טייערע, געשטאַנען.
מיכל: קוים גייסטו קעגן פיינט דאָס לאַנד ווערט מונטער,
די שטוב אָבער אָן דיר — ווערט פּוסט, פאַרלאָזן.
דוד: איז אַלץ דעם פאָטער נישט געוואָרן בעסער?
מיכל: פון טאָג צו טאָג דעם פאָטער ווערט אַלץ שווערער.
עס קען זיך דאַכטן: ווען דו קומסט פון שלאַכטפעלד
מיט אַ נצחון — דאַרף ער גראָד זיך פרייען,
נאָר טרויעריקער נאָך אים ווערט און שווערער.
ס'איז זיכער, נישט דיין שווערד, דיין האַרף נאָר דאַרף ער.
דוד: נישט תמיד העלפן קען מיין האַרף אפילו,
דערפאַר ווייל ס'איז מיר נישט באַקאַנט די סיבה,
וואָס האָט פאַרשטערט אים זיין געמיט.
מיכל: די סיבה,
ביז איצט איז שווער געווען זיך צו דערוויסן,
נאָר ווען דאָס אומגליק האָט זיך אָנגעהויבן,
ביז היינט איז מיר פאַרבליבן אין זכרון.
ווי היינט נאָך איך געדענק: דער טאָג, אַ העלער,
דער פאָטער שטיל איז אויפן טראָן געזעסן,

אַרום אים — זיינע קנעכט און זיינע שרים.
נאָר פּלוצעם — א געשריי האָט ער געגעבן,
איז בלייך געוואָרן און דעם קאָפּ פאַרוואָרפן,
די קרוין איז אים פון קאָפּ אַראָפּגעפאַלן,
און אין א ווינקל ערגעץ זיך פאַרקייקלט.
מיר האָבן אים דערמינטערט. נאָר פון דעמלט
די פרייד און שלוה איז פון אים פאַרשוונדן.

מיכל: יאָ, ריכטיק, ווארט... דו ווייסט... פון וואַנען ווייסטו?

דוד: צי האָט זיך נישט דער הימל באַלד פאַרוואָלקנט,
און איינגעבראָכן איז א ווילדער שטורעם?

מיכל: איז אפשר האָב איך עס אליין דערציילט דיר?

דוד: דאָס אויך נישט.

מיכל: האָט נישט יונתן דערציילט דיר?

דוד: אויך יונתן האָט נישט דערפון דערציילט מיר.

מיכל: פון וועמען האָסטו זיך דערוווּסט? פון וועמען?

דוד: פאַרבליבן איז דער טאָג אין מיין זכרון.

מיכל: און וואָס האָט דען מיט דיר געטראָפן דעמלט?

דוד: אין יענעם טאָג האָט אויך אין לעבן מיינעם
א ווונדערלעך געשעעניש געטראָפן.

מיכל: דערצייל עס מיר.

דוד: איך קען עס דיר נישט זאָגן.

מיכל: מסתם איז דעמלט עפּעס שלעכטס געשען דיר,
וואָס ווילסט עס איצטער פאַר דיין ווייב פאַרהוילן.

דוד: א טעות — גוטס!

מיכל: איז ווילסטו נישט דערציילן
דערפאַר, וואָס כ'קען זיך נאָך אמאָל דערפרייען,
און איך, דער נאַר, געמיינט האָב, אז דו ליבסט מיך.

דוד: אָ מיכל מיינע! ווען דו רעדסט פון ליבע,
ווי קען נאָך דעמלט אונז א סוד צעטיילן.
פאַרגיב! איך וועל דיר אלץ שוין, אלץ דערציילן,
נאָר שווער מיר, אז עס בלייבט א סוד פאַר פרעמדע.

מיכל: איך שווער!

דוד: אין יענער רגע האָט דער נביא
געזאַלבט מיך פאַר א מלך אין ישׂראל.

מיכל: איז עס מעגלעך, דוד? דו — א מלך?!

דוד: ווי דו ביסט בלייך געוואָרן! נישט צופרידן?

אויפטריט ערשטער קריגער.

ערשטער קריגער: אַ שר! דיך ווילן זען די קריגער דיינע
און פרעגן נאָך זיך ווו דו ביסט פארשוואונדן.
מיט דעם פארמעג באקומען פונם שונא,
ווי קאָנען מיר זיך אָן דעם שר צעטיילן.

אויפטריט צווייטער קריגער.

צווייטער קריגער: אַ שר! עס זיינען איצט די שענסטע פרויען
מיט פויקן און מיט טענץ ארויס באגריסן
דעם דרייסטן שר און זיינע טרייע קריגער.
אין שלאכט געגאנגען תמיד ביסט דער ערשטער,
ווי קענסטו בלייבן איצט אויך ליוב דער לעצטער?

דוד: זיי מוחל, מיכל. ס'רופן מיך די קריגער.
מיט אומגעדולד איך וואַרט שוין אויפן אָוונט,
ווען טרעפן וועלן מיר אליין זיך ווידער.

דוד אָפּ.

מיכל: אַ ליבער פאָטער! כ'האב שוין איצט געפונען
די וואָרע סיבה פון די ליידן דיינע.
ווען דודן געזאלבט האָט שמואל — דעמלט
אראָפּ איז פון דיין קאָפּ די קרוין געפאלן.
פון דעמלט — חלומט דוד פון דער קרוין בלויז
און מורא האָט דער פאָטער — זי פארלירן.
און איך?.. בין דודס ווייב און שאולס טאכטער.
כ'האָב ביידע ליב, דאָס הארץ מיינס פילט א שווער,
געראנגל און מלחמה צווישן ביידע.
צי גיי איך מיטן מאן, צי מיטן פאָטער?
אויף צווייען ווערט דאָס הארץ אין מיר צעריסן!
ווי איך באַדויער שטארק מיין קראנקן פאָטער!
און דודן — ווי ליב איך האָב אים! דוד!
כ'בין בלויז א שוואכע פרוי. זיי מוחל, פאָטער!

מיכל אָפּ. אויפטריט שאול. ער גייט אַ פינצטערער.

שאול: אין גאס — א פרייד! און אלע שרייען: דוד!
און ער — מיין זון, מיין בכור — מיט זיי צוזאמען.
אין מיר פארגעסן האָבן זיי אינגאנצן.

געווג! געווג! איך קען שוין מער נישט הערן!

פאַרמאַכט דאָס פענצטער.

זוהין איך וויל פאַר דעם געשריי אַנטלויפן —
עס יאָגט מיך תּיכף נאָך, מיט מיר עס רייצט זיך!
אַ שטייג אַן ענגע איז פאַר מיר מיין צימער.
דער פויגל אָבער, וואָס אין שטייג געפאַנגען,
ער האָט אַ טרויס: אין גאַס אַרויס צו פליען.
און מיר אין גאַס — וואָלט זיין נאָך פיל מאָל שווערער!
די זון ווערט אויך אַמאָל פאַרדעקט פון וואָלקנס
און מוז דעם הימל איבער נאַכט פאַרלאָזן.
ווי לאַנג וועט אָבער נאָך מיין נאַכט זיך ציען?
ווער קומט אַהער? — ס'איז אבנר.

אויפטריט אַבנר.

שלום, אבנר!

אבנר: פון שלאַכט איז דוד שוין צוריק געקומען
און אויך אַצינד, ווי יעדעס מאָל — אַ זיגער!

שאול: אויך דו שוין, אבנר, ווילסט מיט מיר זיך רייצן?

אבנר: און דו, דו שיקסט אים תמיד אין די שלאַכטן!

שאול: ווייל כ'גלייב כּסדר נאָך — ער וועט פאַרשפּילן.

אבנר: און מיר פאַרשפּילן! הער דעם פאָלקס-געשרייען!
געווג פאַר דוד נאָך אַזאַ נצחון,
און זיי — זיי וועלן אים אויך מאַכן מלך!

שאול: מיט בוימל לויטערן פון גאָטס אַ נביא
קען ווערן בלויז געזאַלבט ישראלס מלך,
נאָר נישט מיט בלוט מיט אומרייניקע פון שונא!

אבנר: ווי כ'האָב געהערט, איז אינם קרוג פון נביא
אויך פאַר דודן נאָך פאַרבליבן בוימל..

שאול: געווג! ס'האָט גאָט מיך אויסדערוויילט אַלס מלך!

אבנר: ביי שמואלן בלייבט גאָט דער זעלבער תמיד,
דער מלך איז אַ מענטש, מען קען אים בייטן.

ער ווערט אומגעדולדיק.

צו וואָס באַנוצן נאָך פאַרשטעלטע ווערטער?
ווען כ'האָב געזען, אַז נישט דורך אַ מלחמה
געלונגען וועט פון אים זיך צו באַפרייען,
האָב איך באַשלאָסן דאַן אים אָפּצורוימען

אלם מורד קעגן מלך — דורך א משפט !

שאול: ווו וועסטו נעמען קעגן אים באוווייזן ?

אבנר: איך האָב געשיקט א שטרענג-פארטרויטן מענטשן,
עך זאָל אים נאָכשפּירן און אונטערהערן.
און ס'האָט דער מענטש געהערט דודן זאָגן,
אז שמואל האָט געזאלבט אים פאר א מלך!

שאול: ווי קען דאָס זיין? אָ, גאָט! ווי איז עס מעגלעך?!
אָ, בייזער שמואל, האָט דיר גאָט באפוילן
א נייעם מלך זאלבן אין ישראל —
פארוואָסזשע ביסטו נישט צום פאָלק געקומען
און דאָס געטון פאר יעדן איינעמס אויגן ?
געלאָזט האָסט אים אין הויז אין מיינעם שיקן,
און וויקלען זיך ארום דעם קערפּער מיינעם,
ווי ס'טרעפט — ארום א בוים א פרעמדער וואָרצל.
די זאפטן פון דעם באדן אויסצוזויגן
און, ווייזן מיך פארדארט פאר יעדנס אויגן !

אבנר: איך וואַרט אויף דיין באפעל !

שאול קוקט אויף אים מיט פאַרשטאַרטע בליקן.

איך הער דיך, מלך !

שאול: איך הײם !.. באפעל... איך...

פאַלט אָנמעכטיק צוזאַמען.

אבנר: (רופט) קנעכט !

אויפטריט קנעכט.

גיב הילף דעם מלך !

שאול: ניין - ניין ! שוין בעסער מיר !

קנעכט: באפעל מיר, מלך,
צו רופן דודן. זיין שפיל — דערפרייט דיך !

שאול: זאָל זיין. דו קענסט צו מיר דודן רופן.

קנעכט אָפּ.

אָ, גורל בימערער! דעם זעלבן מענטשן,
וואָס ברענגט צו מיר אין הארץ דעם שווערן אומרו,
איך דארף אים אויך, כדי דעם אומרו שטילן.

אויפטריט דוד.

דוד: כ'בין גרייט, אַ מלך!

שאול: צי אַבנערן לאָז אונז דאָ אין צווייען.

אַבנער אָפּ.

דוד: צי זאָל איך, מלך, אויף דער האַרף דיר שפּילן?

שאול: נישט נויטיק — כ'וויל אַז דו זאָלסט מיך איצט הערן.

שאול זעצט זיך אויפן טראָן. דוד — שטייט פאַר אים.

דו ביסט אַ מענטש מיט גרויסע מעלות, דוד.
די זעלבע הענט, וואָס ציען־אָן דעם בויגן
מיט גרויסער קראַפט — דעם פיינט די פייל זאָל טרעפן.
די זעלבע — ציען־אָן פון האַרף די סטרונעס.
אין דיינע הענט ביי דיר איז טויט און לעבן.
דאָס לעבן — פאַר די פריינט. דער טויט — פאַר שונאים.
און נאָך: כדי פון מיר באַקומען מיכל,
האָסטו געצאָלט מיט הונדערט טויטע שונאים:
פאַר ליבע האָסטו אָפּגעצאָלט מיט שנאה.
ווי פאַרט זיך האַס ביי דיר מיט ליבע, דוד?

דוד: איך האָב דאָס אַלץ זיך נאָך אַמאָל געלערנט,
ווען כ'האָב אין פעלד דעם פאָטערס שאָף געפּיטערט.

שאול: ווען האָסט די שאָף געפּיטערט? וואָסער כוח
איז נייטיק דען, כדי צו זיין אַ פּאַסטעך?

דוד: דעם פּאַסטעכס קראַפט איז קיינמאָל נישט צו שאַצן
מיט זיינע שוואַכע שעפּסן אויף דער לאָנקע,
נאָר מיט דעם כוח פון די לייבן, בערן,
וואָס קומען רויבן שאָף, און ער — פאַריאָגט זיי.
איך האָב זיך ביי די שאָף געלערנט ליבן
און ביי די שונאים פון די שאָף — רציחה!

שאול קוקט זיך אין אים איין:

און אויב ס'ווערט שוואַך אַמאָל, צי קראַנק דער פּאַסטעך?

דוד: טאָ זאָל ער געבן זיינע שאָף צו היטן
אַ צווייטן פּאַסטעך.

שאול שפּרינגט אויף פון טראָן אָן אייפערזיכטיקער:

האַלט! גענוג די חוצפּה!

ער באַהערשט זיך. זעצט זיך ווידער אויפן טראָן. נאָך אַ ווײַלע.

ווי מענטשן זאָגן! שרייבסטו, זינגסטו לידער.
באַזינגסטו מסתם די פרויען?

דוד: נישט די פרויען.
שאול: אין וויין באַזינגסטו?
דוד: ניין.
שאול: אַ מענטש אַ יונגער
און וויל נישט זינגען וועגן וויין און פרויען?
צו וועמען דען איז דיין געזאַנג?
דוד: צום הימל.
שאול: כ׳בין גרייט נאָך יעדער שלאַכט דעם הימל געבן
פון שונאים שאָף און רינד — אַ טייל קרבנות.
אַרויפגיין זאָל דער ריח פון מיין נצחון
צו גאָט אין נאָז. נאָר מיט מיין מאַכט זיך טיילן
מיט די נביאים — קיינמאָל נישט אין לעבן!
דוד: ווי קאָן אַ מענטש צו גאָט דען וועלן רעדן
און די נביאים זיינע אויסצומיידן?
שאול: מיטאַמאָל.
און איצטער זאָג: דעם נביא שמואל קענסטו?
דו ביסט אַמאָל געוועזן ביי אים אין רמה?
דוד: געוועזן איז ער אין אונזער שטאָט בית לחם.
שאול: צו וואָס איז ער אין אייער שטאָט געקומען?
דוד: כדי צו ברענגען אונזער גאָט קרבנות.
שאול: און וועמען האָט געבראַכט ער פאַר אַ קרבן?
דוד: זיי מוחל. וועמען? כ׳האָב דיך נישט פאַרשטאַנען.
שאול: הער אוים: אַ טרייער קריגער האָט דערציילט מיר,
אַז צווישן פאָלק פאַרשפּרייט האָט זיך אַ שמועה —
דער נביא האָט געזאַלבט אַ נייעם מלך!
צי האָסטו דאָס געהערט אַמאָל פון וועמען?
דוד: און גיט מען אָן אויך דעם געזאַלבטנס נאָמען?
שאול: גייט צו אים צו נאָענט און זאָגט שאַרף.
עס איז דער נאָמען פון דעם מענטשן: דוד!

הינטער די פענצטער הערט זיך אַ געזאַנג פון פרויען.

איז אַ פעסטונג שאול,
דוד — איז זיין טורעם!
אויב אַ ווינט איז שאול,
דוד — איז אַ שטורעם!

טויזנטער שלאָגט שאול,
דוד — צענער טויזנטער!
לויבט דעם מלך שאול,
דודן — נאָך ברויזנדער!

שאול: צי הערסטו דאָס געזאַנג פון יענע פרויען?
ווי שיין זיי רימען, לויבן דיך, באַזינגען!
און מיך דערמאָנען זיי נאָר כּתם פאַר חסד.
ס'איז זיכער. האָסט נישט נאָר דאָס פאָלק געוווּנען,
נאָר דיינס איז אויך דאָס בעט פון מלכּס טאָכטער
און פון זיין זון — די קליידער און די וואָפן.
קאָן זיין, דו וועסט זיך באַלד אַהער נאָך מעלדן
און טון אַ זאָג: דערלאַנג די קרוין מיר, שאול!
די קרוין זאָל אויף מיין קאָפּ דערווייל נאָך ליגן.
דערפאַר די שפּיז, מיין שפּיז — דו וועסט זי קריגן!

ער וואַרפט אין אים די שפּיז. דוד שפּרינגט אָפּ אין אַ זייט. די שפּיז בלייבט שטעקן אין דער וואַנט. דוד אַנטלויפט.

דאס פערטע בילד

גבעה. אין שאולס הויז. שאול אַליין.

ש א ו ל: פאראט! איך קען מער קיינעם נישט פארטרויען,
אפילו נישט די סאמע נאָנטסטע מענטשן!
ס'האָט ערשט דערציילט מיר דער אדומער דואג.
(א פרעמדער, אָבער ער איז טריי מיר זייער!)
אז דוד איז קיין נוב ביינאכט אנטלאָפן
און דארט האָט אים דער כוהן אחימלך
געגעבן ברויט און אויך די שפיז פון גלית.
און נאָך האָט מיר דערציילט א קנעכט, א צווייטער:
מיין יונתן זעט דודן בשתיקה.
און שיק איך מיינע קריגער, די געטרייע,
אין דודס הויז צו פאנגען אים, צו טייטן —
איז העלפט מיין טאָכטער מיכל אים אנטלויפן!
ס'האָט איינמאָל מיך דער נביא בייז פארשטויסן
פאר מיין רחמנות, חסד צו די שונאים.
אויב שטרענג זיין אָן רחמנות, איז א סימן
פון מלכס מאכט, פון מלכס אָנזען, שכל —
דאן וויל איך היינט צו טאָג אזעלכער ווערן!
פארעטער! ס'איז דער טאָג פון טאט געקומען!
רופט. העי, קנעכט!

אויפטריט קנעכט.

מען האָט געבראכט פון נוב דעם כוהן?
ק נ ע כ ט: אויף דיין באפעל אריינצוקומען ווארט ער!
ש א ו ל: דעם כוהן פיר אריין!

קנעכט אפ. אויפטריט אַחימלך. ער פאַלט שאולן צו די פיס.

אחימלך: אָ, האר, אָ, מלך!
די קריגער דיינע זענען נוב באפאלן
און האָבן ווייבער, קינדער, שאָף און רינדער
אכזריותדיק מיט גוואלט אהער פארטריבן!
שאול: און דאס איז נישט נאָך אלץ. ס'איז בלויז דער אָנהייב
פון יענער הארבער שטראָף פאר די פאַטעטער!
אחימלך: אָ, מלך! כ'בין נישט שולדיק...
שוויג, פארעטער!
פון אלעם וויים איך אָן דעם איפוד דיינעם.
צי וועסטו לייקענען, אז דו האָסט דודן
אין נוב, אין הויז אין דיינעם, ברויט געגעבן?
אחימלך: און וואָלט עס אויך געווען אן אומבאקאנטער,
ווי קען מען דען א הונגעריקן מענטשן,
וואָס בעט דיך ברויט — נישט שטילן אים זיין הונגער.
שאול: קומט אויס, אז האָסט געטון עס פאר רחמנות.
טאָ זאָג מיר: אויך די שפּיז פון פלישתי גלית
האָסטו געגעבן אים פאר בלויז רחמנות?
אחימלך: ווי האָב איך דען געקענט די שפּיז נישט געבן
דעם מענטש וואָס האָט זי דרייסט אזוי באקומען?
צי איז די שפּיז נישט זיינע?
שאול: זיינע! זיינע!
כדי ער זאָל זי שטעכן מיר אין רוקן!
אחימלך: ווי איז עס מעגלעך? דיר — זיין מיכלס פאָטער?
שאול: צי ווייסטו נישט, אז דוד איז מיין שונא,
אז דוד וויל די קרוין פון קאָפּ מיר רויבן?
אחימלך: איך בין פארנומען בלויז מיט מיין כהונה,
און ווייט און פרעמד מיר זיינען ערד־ענינים...
שאול: אפילו ווען די ווערטער זענען אמת,
עס ווערן דיינע זינד דיר נישט געמינערט.
דו ווייסט, אז כ'האָב געשטעלט זיך קעגן שמואלן
און די נביאים פון דער מאכט דערווייטערט.
אקעגן דער נביאים־פעסטונג — רמה,
געבויט איך נוב — א שטאָט פאר די כהנים.
מיט דיין משפחה האָסטו דאָרט געוווינט זיך,
און דו ביסט דיק געוואָרן, פעט געוואָרן...

די ערשטע וואָל פון שאָף פאר זיך גענומען,
פון סאָד — די סאמע ערשטע רייפע פירות,
און פאר דער מינדסטער זינד מען האָט געבראַכט דיר
קרבנות, און קרבנות, און קרבנות!
דו האָסט געלעבט פון פרעמדע זינד און עוולות,
נאָר פאר די אייגענע — וועסט איצטער שטארבן!

אחימלך: די ערשטע וואָל, די פירות און קרבנות,
האָט גאָט שוין לאנג דורך משה׳ן מיר געגעבן.

שאול: בלויז צוגעזאָגט! דאָס הייסט נאָך נישט געגעבן!
און ווייסטו אויך, אז שמואל האָט געלערנט:
עס זוכט נישט גאָט די שאָף און רינד־קרבנות.

אחימלך: ס׳איז וואר. איך בין א דאנק דיר שולדיק, מלך!

שאול: המ... שולדיק! האָסט געדארפט שוין לאנג באצאָלן!
איך האָב געמיינט, וועסט ווייסן ווי עס שאצן
און העלפן, שטיצן מיר דערפאר מיין מלכות.
קוים האסטו נאָר געמיינט, אז איך ווער שוואַכער
און ביי דעם פאָלק גייט אויף דער נאָמען דודס,
געשראָקן האָסטו זיך דיין גוטס פארלירן
און ביסט אויף דודס זייט אריבער, בוגד!

אחימלך: ס׳איז וואָר. איך האָב אים ברויט און שפּיז געגעבן,
איז דאָס געווען, כדי מיך שטרענג באשטראָפן?

שאול: ס׳איז נאָך נישט אלץ! כהנים זינגען לידער,
צו וועמען זינגט איר זיי? צום מלך אפשר?

אחימלך: די לידער זינגען מיר צו גאָט אין הימל.

שאול: און זענען נישט די אלע לידער דודס?

אחימלך: ס׳איז אמת. פיל פון זיי עס זענען דודס.

שאול: א־זוי! דו נעמסט ביי דודן די לידער
און דו גיבסט ברויט דערפאר אים און כלי־זין.
גענוג! איך וועל צו דעם נישט מער דערלאָזן!
א טויט דיר און דיין גאנצן שטאם כהנים!

אחימלך: האלט איין דיין צארן! חסד, בעט איך, מלך!

שאול: קיין וואָרט נישט מערער! קנעכט! פירט אוים מיין משפט!

קנעכט פירן ארויס דעם כהן. שאול בלייבט אליין.

געהאט אזא סוף האָבן די כוהנים.
זיי וועלן מער נישט זינגען דודס לידער.
און נישט נאָר זיי: דאָס גאנצע לאנד זאָל וויסן:
וועט וואגן ווער צו זינגען דודס לידער,
געהאלטן ווערט ווי דוד — פאר א מורד,
וואָס האָט דעם טויט פון יעדער האנט פארדינט זיך!

פויזע.

ווער קען אייך נישט, אָ, דודס לידער. תפילות?
דורך אייך מתפלל איז צו גאָט ישראל,
געדריקט אין ענגשאפט און צעוויגט פון בענקשאפט.
מיט אייך דאָס חיל גייט אקעגן שונא
און קומט מיט אייך צוריק אהיים אלס זיגער.
מיט אייך עס פיטערט זיינע שאָף דער פאסטעך.
מיט אייך פארוויגט איר קינד צום שלאָף די מאמע.
די קאָסעס זינגען אויס אייך אין דער שניטצייט.
די מיידלעך טאנצן אויס אייך אין יום־טובים.
עס רוישט מיט אייך דער טייך, אין וואלד — די ביימער,
איך ווער זיך. כ'וויל זיי פון דעם לאנד פארטרייבן,
נאָר שטיל, פאר זיך, איך זינג אליין די לידער...
אָ, כ'שרעק פאר אייך זיך מער, ווי פאר די זינגן,
וואָס אייער שעפער ברענגט פון די מלחמות!

אַ גערויש הינטער דער טיר. ס'רייסט זיך אַריין יונתן.

יונתן:
אוועק! לאָזט. הינט, מיך דורך!
וואָס טוט זיך, פאָטער?!
עס האָבן דיינע קנעכט פארצוימט דעם וועג מיר
און נישט געלאָזט איך זאָל מיט דיר זיך טרעפן,
איך האָב זיך קוים מיט גוואלט ארייגעריסן!

שאול: ס'איז מיין באפעל אזא! וואָס ווילסטו זאָגן?

יונתן: איז אמת אויך, אז דו האָסט ערשט באפוילן
צו טייטן די כהנים?

שאול: דו ביסט קעגן?
און איך האָב גאָר געמיינט, וועסט זיין צופרידן.
דו ביסט געווען דאָך תמיד זייער שונא.

יונתן: דערפאר. ווייל האָסט געשטעלט זיי די נביאים

אקעגן. ווייל דו האָסט געלאָזט זיי רייסן
די שאָף פון פאַסטעך און די פרוכט פון פויער.
נאָר צאָרן בלוטיקער און אומגעצוימטער,
ווער ווייסט, וווהין ער קאָן דיך נאָך פאַרפירן!

שאול: אהא! ס'איז אַלץ מיר קלאָר שוין און פאַרשטענדלעך!
זיי האָבן דודן ארויסגעהאָלפן,
דערפאַר פאַרטיידיקסטו אַזוי די בוגדים.
פאַרטיידיק פריער זיך אַליין, פאַרעטער!

יונתן: וואָס רעדסטו, פאָטער?

שאול: דו שיצסט דיין חבר דוד!

יונתן: קוים מיינסטו, אַז איך קאָן בלויז דודן טריי זיין
דערמיט, וואָס כ'וועל פאַראַטן דיך, מיין פאָטער.
איז נעם דאָס לעבן, וועלכעס האָסט געשענקט מיר
אַמאָל אַלס פאָטער — שטרענג צוריק אַלס מלך!

שאול: ווייכער. מיין זון, עס וויל נישט זען דיין טויט דיין פאָטער,
דיך זען ער וויל א לעבעדיקן הערשן!
איך האָב געזען דיך וואַקסן ווי א וווּנדער,
פון קינד צו מאַן, פון מאַן צו דרייסטן גבור.
ביסט פלינק און שטאַרק, צוגלייך אויך שיין און איידל.
עס האָט מיין פאָטער־האַרץ פאַר פרייד געיובלט:
ס'וועט ער דיין קרוין און טראָן פון דיר נאָך ארבן!

יונתן: צי בין איך, ווי דו זאָגסט, א העלד באמת —
איך ווייס נישט. נאָר איך בין פאַר דיר זיך מודה:
איך חלום און איך שטרעב א העלד צו ווערן!
נאָר זיין א מלך — דאָס איז מיר דערווידער!
א גבור — הערש איך איבער מיינע קריגער
אין שווּנג, אין אויפברויז און אין היץ פון שלאַכטן.
א מלך — מיט דער קראַפט פון קאַלטע חוקים.

שאול: האָט קיינמאָל נישט געלאָקט דיך נאָך די הערשאַפט?

יונתן: נישט הערשאַפט, וועלכע צווינגט מיט גוואַלט די מאַסן,
נאָר די, וואָס הערשט מיט ליבע אויף יחידים.

שאול: און איך האָב תמיד שטיל געהאָפט, געחלומט,
אַז פון די לענדן מיינע וועלן קומען
א סך מלכים, שרים און גבורים,
און מאַכן גרויס מיין שטאַם אויף לאַנגע דורות

מיט קריגס־נצחונות און מיט קלוגער הערשאַפֿט.
איך בין פֿון פֿאָטערס שטאַם דער ערשטער מלך
און כ׳וויל נישט בלייבן פֿון מיין שטאַם — דער לעצטער!

יונתן: צי האָבן דען געאַרבעט די זין פֿון עלי
פֿון פֿאָטער די כהונה? שמואלס קינדער,
צי האָבן זיי גע ירשנט די נבואה?

שאול: די קינדער עלים און די קינדער שמואלס,
זיי האָבן נישט דערגרייכט דעם פֿאָטערס קנעכל.
נאָר דו — מיט דיר זיך בענטשן אַלע מאַמעס!
כ׳בין טאַקע בלויז דער זון פֿון קיש דעם פּויער,
נאָר דו ביסט שוין דער זון פֿון מלך שאול.
דו ביסט דערצויגן אויף דעם הויף פֿון מלך,
געלערנט חכמות און באַהערשט די וואָפֿן.
דו האָסט שוין נישט געדאַרפֿט, ווי איך, זיך לערנען
פֿון טעותים, פֿון פּרוּוון, בלאָנזען, שטרויכלען,
נאָר דו ביסט גלייך געגאַנגען אויף נצחונות.

יונתן: איך דאַנק דערפֿאַר און הער דיך, פֿאָטער.

שאול: פֿאַראַנען מענטשן צוויי אין לאַנד ישׂראל.
די נעמען פֿון די מענטשן: שמואל, דוד.
איך בין זיך מודה: חשוב זענען ביידע.
(און דאָס ערשטע איז פֿאַר מיר נאָך מער געפֿערלעך!)
אַליין צו קעמפֿן — פֿעלן אויס מיר כוחות,
נאָר וועסטו גיין מיט מיר — איך וועל עס וואַגן!

יונתן: האָט ווער פֿון זיי דען דיר גערויבט דאָס מלכות?

שאול: זיי רויבן אָבער מיר מיין רו, מיין אָנזען!
דו ווייסט דאָס אָרט, וווּ דוד איז באַהאַלטן,
זע, העלף מיר, אים אין מיינע הענט באַקומען.
ווי לאַנג ער לעבט, כ׳בין מיט מיין טראָן נישט זיכער,
און שפּעטער — דראָט אויך דיר דער זעלבער גורל.

יונתן: כ׳בין תמיד גרייט דעם מלך טריי צו דינען
מיט שווערד און שפּיז, נאָר נישט מיט קיין מסירה!

שאול: שפּרינגט אויף פֿון טראָן.
איז נענטער שוין דיר דוד פֿונעם פֿאָטער?!
ווי זאָלן פֿרעמדע מיינע ווערטער הערן,
ווען מיין באַפֿעל מיין זון אַליין — דערווידערט.

מיט מיינע אלע פיינט דו גייסט צוזאמען
און זייער גורל וועט אויך דיך נישט מיידן!

כאַפּט די שפּיז. ווײל זי אים וואַרפן, נאָר זיין האַנט נעמט ציטערן און ער לאָזט זי פאַלן. יונתן איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אומבאַוועגלעך.

אוועק! מער ווייז זיך נישט פאַר מיינע אויגן!

יונתן אָפּ. שאול בלייבט זיצן אַ פינצטערער אויפן טראָן. פויזע. אויפטריט מיכל.

מיכל: וואָס וויל פון מיר מיין פאָטער און מיין מלך?
שאול: אַז ער זאָל זיין דיין פאָטער און דיין מלך!
מיכל: ער בלייבט עס תמיד.
שאול: פילסטו דיך נישט שולדיק?
מיכל: איך האָב זיך קעגן קיינעם נישט פאַרשולדיקט.
שאול: און ווער האָט דודן דאָס אויסבאַהאַלטן?
פון משפּט אים געהאָלפן צו אנטלויפן?
מיכל: ס'איז דוד דאָך מיין מאַן, מיין מאַן — איך ליב אים!
שאול: נאָר ליבט ער דיך — אין דעם איז נאָך צו צווייפלען.
האָט ער דאָך אויך געליבט דיין שוועסטער מירב.
מיכל: און ס'האָט די שוועסטער מירב אויך געליבט אים.
נאָר מיר באַשערט איז, ער זאָל בלייבן מיינער!
שאול: אפילו אויב ער ליבט דיך איצט באמת,
זיין פרעמדקייט וועסטו נאָך אַמאָל דערפילן.
דו ווייסט דורך וועמענס שולד? דורך מיין שולד, מיינער.
דו וועסט אַמאָל אין זיינע אָרעמס ליגן,
ער וועט דיך קושן און ער וועט דיך האַלזן.
נאָר פּלוצים וועסטו זען: די אויגן זיינע
זיך לעשן אויס. ס'ווערט הייזעריק זיין שטימע
און ס'הענגען שלאַבעריק די הענט אַרונטער.
ווילסטו וויסן, וואָס דאָס וועט באַטייטן דעמלט?

גייט צו איר צו נעענטער.

הער אויס: אַ שמייכל אויף דעם פּנים דיינעם,
צו אַ באַוועגונג ענלעכע אויף מיינער —
וועט אים דערמאָנען באַלד אין מיר, זיין שונא.
און ס'וועט דיך אָפּשטויסן פון זיך דיין דור!

מיכל: דו זעסט נאָר דאָס, וואָס קאָן אונז ביידע טיילן.

שאול: און וואָס וועט דיך מיט אים אויף לענגער בינדן?
וועז דו וואָלסט כאָטש פון אים א קינד געבוירן,
עס טרעפט און דו פארלירסט די ליבע זיינע —
דו קאָנסט מיט איר זיך דערמלט ווידער טרעפן
אין קינד, אין נפש דעם בשותפותדיקן.
איז נישט באשערט דיר אָבער זיין א מוטער.

מיכל: ס'האָט גאָט אויך רחלם טראכט אמאָל פארשלאָסן
און שפעטער שיינע קינדער צוויי געשענקט איר,
און איינער געווען איז: שני למלך!

שאול: דיך לאָקט דער שם פון דודן אלס גבור,
און אפשר... אפשר שפעטער אויך אלס מלך.
דו מיינסט מסתם דעם טראָן מיט אים טיילן.
די פרוי פון העלד איז אליין נאָך נישט קיין העלדין,
נאָר בלויז נאָך איינע פון דעם העלדס באזיגטע,
דעם מלכס פרוי איז אליין נאָך נישט קיין מלכה,
נאָר איינע נאָך פון זיינע אונטערטאנען.
ס'איז דוד נישט דער מענטש, וואָס וועט זיין הערשאַפט
מיט וועמען טיילן. אויב דו ווילסט שוין הערשן,
א צווייטן מאן קלויב אויס, פון ערשטן — שוואכער.

מיכל: איך וויל קיין צווייטן נישט, איך וויל דעם ערשטן,
איך זאָל אפילו זיין ביי אים א שקלאפין!

שאול: גענוג! צי קענסטו פלטין, זון פון ליש?

מיכל: און ווער איז ער?

שאול: א מענטש, אן אויסגעפרווטער
איך האָב פון לאנג שוין אים געוואָלט באלוינען
פאר זיין געטריישאפט.

מיכל: פאָטער, כ'בין פארוואונדערט.
דאָס ערשטע מאָל, אז רעדסט מיט מיר, דיין טאָכטער,
פון דיינע מענטשן, ווי זיי צו באלוינען.

שאול: איך רעד אצינד פון אים ווי וועגן איינעם,
וואָס וועט אריין אין קרייז פון מיין משפחה;

מיכל: איך ליב נאָר דודן!

שאול: דאָס קינד פֿון מלך
מוז קאָנען ליבע אויף דער פֿליכט פֿארבייטן!
מיכל: פֿאַלט אים צו די פֿיס. רחמנות, פֿאָטער!
שאול: אויב דו וועסט נישט פֿאָלגן
די טרייע עצה פֿון דיין פֿאָטער, צווינגט דיך
צו פֿאָלגן — דער באַפֿעל פֿון שטרענגען מלך!
העי, שקלאַפֿין!

אויפֿטריט שקלאַפֿין.

שמיר־אוים מיכלס הויט מיט זאַלבן
און טו איר אָן די סאַמע שענסטע קליידער,
און זאָלן פּערל, גאָלד און איידלשטיינער
איר קאָפּ, איר האַלז און אירע הענט באַצירן.

צו מיכלען.

ווי ס'פּאַסט פֿאַר דיר, דעם מלך שאולס טאָכטער
אין גאָרער פּראַכט דו וועסט פֿאַר אים זיך ווייזן.
רופֿט, עמיהוד!

אויפֿטריט קנעכט.

זאַטל־אָן אויף גיך דיין אייזל
און רוף מיר פּלטין, לישם זון, פֿון גלים.

קנעכט און שקלאַפֿין אָפּ. אויפֿטריט אַחינועם.

אחינועם: איך האָב ערשט אונזער יונתן באַגעגנט,
א בלייכער, אָן א טראָפּן בלוט זיין פּנים.
מיט מי אים קוים באַוויזן אָפּצושטעלן.
איך האָב געוואָלט דערוויסן זיך די סיבה
פֿאַרוואָס ער איז דערצערנט און פֿאַרביטערט,
נאָר ער איז ווייטער אָן א וואָרט געלאָפֿן.

דערזעט מיטאַמאָל מיכלען.

און וואָס טוט דאָ, א וויינענדיקע, מיכל?

מיכל טוט זיך אַ וואָרף דער מוטער אין די אָרעמס.

וואָס טוט זיך דאָ? וואָס טוט דאָ מיכל, ענטפֿער!

שאול שווייגט. אַחינועם ווענדט זיך צו מיכלען.

אחינועם: עס שווייגט דער זון, עס שווייגט דער פֿאָטער. ס'זיינען
עקשנים ביידע מענער. רעד דו, מיכל!

מ י כ ל : ברעכט אויס מיט אַ געוויין.

דער פאָטער וויל פון דודן מיך שיידן!

א ח י נ ו ע ם : זאָגט מיכל אמת? ענטפער!

ש א ו ל : כ'וויל איר געבן

א צווייטן מאן — פון דודן פיל בעסער!

א ח י נ ו ע ם : קיין מאן, קיין בעסערן, זי דאַרף נישט האָבן,

מ י כ ל : פאַלט אים צו די פיס.

זי דאַרף איר פאָטער בלויז זאָל ווערן בעסער!

צו גאָט א קרבן — ברענג אזוי מיך איצטער.

אלין בעסער, איידער צו א מאן, א פרעמדן!

ש א ו ל : קרבנות זאָלן ברענגען שמואל, דוד —

עם העלפט זיי גאָט. עס שמעקט אים זייער רויער.

נאָר מיר וועט העלפן — בלויז און נאָר מיין כוח!

אָפּ.

מ י כ ל : אָ, מוטער! ס'האָט דיין טאָכטער שטיל געחלומט

צו טראָגן מיטן מאן די קרוין ישראלס...

א ח י נ ו ע ם : די קרוין צו טראָגן? חלום נישט מיין טאָכטער.

ס'איז בעסער מיטן מאן די שאָף צו היטן,

ס'איז בעסער מיטן מאן דעם אקער פירן.

זע, מיך: איך קיניג מיטן מאן / צוזאמען

און ווי איז מיר און ווינד איז מיר, דיין מאמען...

דאס פינפטע בילד

רמה. פאַר שמואלס הויז. שמואל. דוד,

דוד: אָ, נביא! כ׳בין פאר שאולן אנטלאָפן.
אזויפיל מאָל געשיקט מיך אויף מלחמות
אין ערשטע רייען, דער געפאר אין אָרעמס,
און וויפל מאָל אויף מיר זיין שפיז געוואָרפן.
ער האָט געשיקט ביינאכט צו מיר שליחים
צו אים מיך ברענגען, כדי מיך צו טייטן.
ס׳איז קוים געלונגען מיר פון זיי אנטרינען.
שמואל: זינט זיין נצחון איבער דעם עמלק —
ער לעבט נישט מער. נאָר וואנזיניק-פארביטערט
אַלץ קעמפט ער. וויל דעם טויט נאָך איבערלעבן.
דוד: און איך? איך לעב דען יאָ? בין איך דען מלך?
בין איך א ווינט, פארוואָס האָסטו געשיקט מיך
אין זאק אריין און נישט צו שטורמען כוואליעס?
בין איך א פלאם, פארוואָס האָסטו געשיקט מיך
אויף כוואליעס, נישט אין וואלד אריין אויף ביימער?
שמואל: זע, דוד, מיך: אמאָל געווען א שופט
אין גאנץ ישראל — איצטער בלויז אין רמה.
צו מיר דערגייען שאולס ווילדע מעשים
און כ׳קאָן נישט קיינעם העלפן, אָדער שיצן.
נאָך מער: איך בין אליין נישט זיכער קיינמאָל:
עס קאָנען זיינע קנעכט באפאלן רמה!
איך האָב געוווסט עס ביי דעם סאַמע אָנהייב:
דאָס פייער, וואָס זיי צווינגען מיך צו לייגן,
וועט גלייך דער שטורעם אויף מיין הויז פארטראָגן.

געוועזן איז אָבער שטאַרק ישׂראלס ווילן
און כ׳האָב געזאָגט זיך: אויב דו ווערסט געצוווּנגען
צו טון, וואָס זיי פאַרלאַנגען — ווייל זיי אוים כאַטש
א מענטש אַן עניו. שטיל און פרום, געהאָרכזאַם.
איך האָב געוווילט און — כ׳האָב געהאַט א טעות.
קאָן זיין, נביאים וועלן מער נישט הערשן,
נאָר דו — פאַרוואָס ביסטו אזוי פאַרביטערט?
דו ביסט דאָך נישט קיין נביא, נאָר א מלך!

דוד: דו האָסט, אָ, נביא, מיך געזאַלבט פאַר מלך,
נאָר נישט דאָס לאַנד און נישט דאָס פאָלק געגעבן.
איך מוז אליין מיר יעדן מענטש געווינען
און ס׳איז קיין איין איל ערד פון לאַנד נישט מיינע.

שמואל: זיי זיכער, ווערסט דאָס פאָלק, דאָס לאַנד געווינען.
ס׳קאָן שאול קוים אליין מיט גוואַלט זיך האַלטן,
די קינדער זיינע — וועלן שוין נישט הערשן.
און אויב דו ווילסט זיין מלך אין ישׂראל
און האָבן זאָל דיין מאַכט און שטאַם א קיום —
לאָז תמיד אויף דיין הויז דעם נביא וואַכן.

דוד: דערפאַר בין איך דאָך איצט צו דיר געקומען.

שמואל: דו קאָנסט אין רמה אָבער לאַנג נישט בלייבן.
זיי וויסן: ערגעץ האָט דערוווּסט זיך שאול,
אז דו באַהאַלטסט דיך אוים ביי מיר אין רמה.
שוין צוויי מאָל האָט געשיקט ער מיר שליחים,
צו פאַנגען דיך, צי גאָר דיך אפשר טייטן.

דוד: וואָס זאָל איך טון? וואָס זאָל איך טון, אָ, נביא?

שמואל: ס׳איז קלאָר: דו מוזט פאַרלאָזן היינט נאָך רמה.
דיין בלייבן דאָ קאָן אומגליק בלויז אונז ברענגען.

דוד: וווּהין? זאָל איך דען לויפן, צו די פלשתים?
ביי פיינט זיך שיצן פאַר ישׂראלס מלך?
כ׳האָב ליב די ברידער מיינע פון ישׂראל!
די ערשטע רייד פון קינד אויף אונזער לשון.
דאָס ליד און לאַכן פון די יונגע מיידלעך.
דעם מאַן ביי מי, דאָס ווייב זיינס ביי דער ווירטשאַפט,
און די מנוחה זילבערנע פון זקן.
און אפשר זאָל איך גאָר אוועק אין מדבר?

איך בין פֿארבונדן פֿון דער פֿריסטער קינדהייט
מיט יעדן בארג און טאָל פֿון אונזער היימלאנד.
ס׳איז ליב מיר יעדעס שעפּסל אויף דער לאָנקע,
ווי איך אליין נאָר וואָלט עס אויפֿגעצויגן.
און יעדעס בלימל ליב אזוי און טייער,
ווי כ׳וואָלט אליין מיט זיין געדוך געאָטעמט.
ווי וועל איך אָן דעם אלעם קאָנען לעבן?!

אויפֿטריט שליח.

שליח: איך בין אהער געשיקט פֿון מלך שאול
צי לעבעדיק, צי טויט דיך ברענגען, דוד!

מיט יאוש.

דוד: כ׳בין גרייט מיט דיר צו גיין, שליח שאולס.
שליח: זיי רויק. כ׳וועל צום טויט נישט איבערגעבן
ישראלס גרויסן העלד. איך בלייב אין רמה.
דוד: אָ, זאָג, וואָס טוט מיין ליבע פֿרוי, מיין מיכל?
און וואָס מאכט יונתן, מיין טרייער חבר?
שליח: עס צערנט שטארק אויף יונתן דער מלך.
דוד: אָ, פֿריינט! ווי טייער צאָלסטו פֿאר דיין פֿריינטשאפֿט!
פֿארוואָס דערמאָנסטו נישט, שליח, מיכלען?
שליח: אין צאָרן האָט דער מלך אָפּגעגעבן
דיין מיכל — צו א צווייטן מאן.
דוד: אָ, אומגליק!
איך האָב נישט מער קיין היים צוריק צו קומען.
אוועק! איך וויל אוועק, אוועק פֿונדאנען!
איך וועל אין מדבר מיט שאקאלן היילן.
אין וועלדער — מיט די וועלף די ווילדע וואָיען.
אויף חורבות — וויינען, קלאָגן מיט די סאָוועס.
נאָר ניין! איך וועל פֿארקריכן צווישן פֿעלזן
און דאָרט באהאלטן זיך פֿאר וויי און בושה!

אָפּ.

שמואל: ס׳איז גרויס דיין אומגליק, אָבער נישט געבוירן
איז דוד פֿאר התבודדות, פֿאר יאוש,
נאָר פֿאר מלחמה, זיג און רום און הערשאפֿט!

אָפּ מיטן שליח. אויפֿטריט שאול איבערגעטן.

שאול: זיי האָבן מיך פאַראַטן, די שליחים.
זיי זענען אַלע דאָ אין שטאָט פאַרבליבן!
איך מוז אין רמה דודן באַקומען!
איך וועל נישט לאָזן רמה אויך זאָל ווערן
א שטאָט, ווי איינע פון די ערי מקלט.
איך וועל די נעסט איצט לאָזן מיטן פייער,
נאָך איידער ס'האָבן זיך דעם ווילדן פויגל
צעוואַקסן זיינע פליגל און די נעגל.
דערפילט מיין צאָרן האָבן די כהנים,
און ווער וועט וואַגן זיך אַקעגנשטעלן,
ווען כ'וועל אים ווענדן קעגן די נביאים?

זעצט זיך אַוועק אויף אַ שטיין ביים הויז, פויזע.

אך, וויפל יאָרן זענען שוין פאַררגאַנגען
פון זינט מיין פוס האָט דאָ די ערד באַטרעטן.
איך האָב נאָך דעמלט נישט געהאַט קיין מלכות,
נאָר אפשר מער, א סך נאָך מער: מיין יוגנט.
געדאַכט האָט דעמלט מיר: אַמאָל האָט שמשון
די טויערן פון שטאָט געשלעפּט אויף אַקסלען,
פאַר מיר איז ווייניק דאָס: די וועלט־יסודות
איך קאָן א ריס־טון, אויף די אַקסלען טראָגן!
נאָר ס'איז גענוג געווען א קליינער חלק:
צו טראָגן בלויז די לאַסט פון איין מדינה,
עס זאָלן זיך אַראָפּ די אַקסלען בייגן.

פון דער וויטנס הערט זיך דאָס שפּילן פון אַ פלייט.

איך קאָן שוין קיינמאָל ווידער יונג נישט ווערן,
נאָר ווער קאָן שטערן מיר צו ווערן ווידער
א פּראָסטער מענטש, ווי כ'בין אַמאָל געווען?
נאָר ניין! ווער ס'האָט אַמאָל די קרוין געטראָגן
א טאָג, אפילו בלויז א רגע — יענער
וועט זי נישט אָפּגעבן א צווייטן מענטשן.
און גיט ער זי — איז מיטן קאָפּ צוזאַמען!

דאָס שפּילן אויף דער פלייט ווערט אַלץ נעענטער.

און אפשר איבערעדן 'מיטן נביא?
קען זיין, אַז ער איז שוין געוואָרן מילדער.
דער אומרו האָלט פאַרלוירן זיינע זעגל

און אלע ווינטן וואָלטן נישט געיאָגט מיך.
ווי הינט, וואָס זענען אויף א קייט געבינדן,
עס וואָלטן שאָטנס מער מיך נישט באפאלן.
איך פרווו. צום לעצטן מאָל.

גייט צו נעענטער צו שמואלס הויז.

צעשפרינג נישט הארץ מיינס!
ווען כ'בין אמאָל אין שמואלס הויז געקומען
א פראָסטער מענטש, דערצו אן אומבאקאנטער,
דו האָסט גאָר דעמלט נישט אזוי געצאפּלט!
איך בין דאָך איצטער שאול — הערשער, מלך.
און פאר דיין הארטקייט, הארץ, א יעדער ציטערט!

עס טרעט-אויף אַ גרופּע נביאים מיט האַרפן, מיט פלייטן, מיט פויקן און טאַצן.

ערשטער נביא:

אויפן פעלד איך בין געגאנגען
צו פארזייען זאָמען.
פלוצעם הער איך שטיל מיך רופן,
רופן מיך ביים נאָמען:

הער אוים גאָטס שטימע, הער!
ישראלס נביא ווער!
זאָג דעם אמת אָן!
דעם מלך, אויך דעם שר,
כאָטש גרוים איז די געפאר —
וואָרן, שטראָף און מאָן!

אויף דעם פעלד די קליינע זאָמען
זאָלסטו מער נישט זייען.
זיי דעם אמת אין די הערצער,
וועלכע נישט פארשטייען!

צווייטער נביא:

כ'בין געזעסן אויף דער לאָנקע,
דאָרט די שאָף געפיטערט.
פלוצעם הער איך שטיל מיך רופן
און איך בלייב פארציטערט:

הער אוים גאָטס שטימע, הער!
ישראלס נביא ווער!
זאָג דעם אמת אָן!
דעם מלך, אויך דעם שר,
כאָטש גרוים איז די געפאר —
וואָרן, שטראָף און מאָן!

נישט קיין שאָף מער פיר און פיטער,
נישט קיין אָקסן, רינדער.
זיי פון איצטער מיר א פאסטעך
פון ישראלס קינדער!

דריטער נביא:
ביי דעם ליים בין איך געשטאנען,
קנעטן מיר א קריגל.
פלוצים הער איך אינדערלופטן
פליען, רוישן פליגל:

הער אוים גאָטס שטימע, הער!
ישראלס נביא ווער!
זאָג דעם אמת אָן:
דעם מלך, אויך דעם שר,
כאָטש גרוים איז די געפאר —
וואָרן, שטראָף און מאָן!

נישט קיין ליים מער זאָלסטו זוכן
אין די נאסע גריבער.
נישט קיין טעפ און קריגן פורעם —
מענטשן פורעם איבער!

ערשטער: ווער ביסטו, פרעמדער, פארן הויז פון נביא?
שאול: צום נביא פון א ווייטער שטאָט געקומען.
צווייטער: און דיין באגער? צי האָבטו וואָס פארלוירן
און ווילסט דער נביא זאָל עס דיר געפינען?
שאול: געבראכט האָט מיך אהער צו אייער נביא
די מורא בלויז, אז איך קען וואָס פארלירן.
ערשטער: ס'איז גרעסער אָפט די מורא צו פארלירן
פון דעם פארלוסט אליין.

ש א ו ל: ס'איז אמת, פּרעמדער.
איך האָב געהערט ערשט אייערע געזאַנגען
און זיי געפעלן מיר. צי קאָן איך ווערן
א נביא? ווי שטעלט פאַר זיך אייער לעבן?

צ ו וי י ט ע ר: עס איבערפאַלט אונז אָפּט א שטאַרקער אומרו.

ש א ו ל: ווי דאָס איז אומהדיק!

ע ר ש ט ע ר: נישט ריכטיק, פּרעמדער.
דער אומרו טרייבט דעם מענטשן זוכן, שטרעבן,
און צו דעם העכסטן היכל פון יצירה!

ש א ו ל: איך ווער אָבער פון זעונגען געמאַטערט!

ד ר י ט ע ר: אויך אונז אַנטפּלעקן זיך זעונגען דעמלט.
דו האָסט גערעדט פון מאַטערנישן, פּרעמדער,
וואָס זעסטו דען אזוינס?

ש א ו ל: איך זע געשפּענסטער!
און הער, ווי עפּעס רייסט זיך, רייסט זיך איבער.
עס פליען פעדעם מיר ארום, זיי ווילן,
ווי אין א שפּינוועבס דעמלט מיך פאַרוועבן!

ע ר ש ט ע ר: ס'איז אויסטערליש! האָט ווער פון אייך, נביאים,
געזען אמאָל א בילד א ענלעכס?

נ ב י א י ם: קיינער!

ש א ו ל: איך הער דערצו נאָך דעמלט ווילדע קלאַנגען.

ד ר י ט ע ר: דו הערסט מסתם א שפּיל פון פליטן, האַרפן?

ש א ו ל: עס קרעכצן קראָען, און שאַקאַלן היילן!

ע ר ש ט ע ר: נישט גאָט באַווייזט זיך דיר, נאָר עמעץ אַנדערש.
דיך איבערפאַלט געוויס א גייסט א בייזער!

צ ו וי י ט ע ר: און ווער האָט דיין געמיט פאַרשטערט דיר, פּרעמדער?

ש א ו ל: א נביא!

די נביאים בלייבן דערשטוינט פון אומגעריכטן ענטפער.

ע ר ש ט ע ר: זאָג: ווער ביסטו דאָס אזעלכער,
וואָס וואַגסט אזוי באַשולדיקן א נביא?!

ש א ו ל: א מלך!

די נביאים נעמען אויף אים קוקן אומרויק.

צ ו וי י ט ע ר: פּרעמדער, זאָג אונז אָפן, קלאָרער.
דער נביא ווער איז און דיין נאָמען, מלך?

שאול: דער נביא — שמואל! שאול — איז דער מלך!

ער וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם מאַנטל און בלייבט פאַר זיי שטיין אין די קיניגלעכע קליידער.

נביאים: ס'איז שאול!
שאול!
ער אליין!
אַ, אומגליק!

— וואָס טוט דאָ שאול צווישן די נביאים?
— ער וויל אונז אַגמברענגען, ווי די כהנים!

עס ווערט אַ גרויסע בהלה. פון הויז קומט אַרויס שמואל. ער זעט אויס זייער קראַנק.

שמואל: וואָס פאַר אַ טומל הינטער מיינע פענצטער?
פון בעט האָט מיך אַרויסגעריסן —

ער דערזעט מיטאַמאָל שאולן.
שאול!

וויל צוריק צו זיך אין הויז.

שאול: פאַרשטעלט אים דעם וועג.
דו וועסט מיך איצטער מער נישט קענען מיידן!

צו די נביאים.

נביאים! זאָגט אים: כ'האָב דעם מלך שאול
פון לאַנג שוין אויסגעמעקט פון מיין זכרון!

נביאים: עס זאָגט דער נביא: כ'האָב דעם מלך שאול
פון לאַנג שוין אויסגעמעקט פון מיין זכרון!

שאול: זיי וויסן נביא: ס'איז פאַר דיר מיין נאָמען,
ווי ביי דעם ערשטן מאָל זיך זען — בלויז שאול.

שמואל: נביאים! זאָגט אים: טויט פאַר מיר איז שאול
און כ'וויל נישט דאָ אין רמה זען געשפּענסטער.

נביאים: עס זאָגט דער נביא: טויט פאַר אים איז שאול,
ער וויל נישט דאָ אין רמה זען געשפּענסטער.

שאול: און ווער האָט דאָס געשפּענסט אַרויסגערופן,
צי איז עס נישט געווען דער נביא שמואל?...

שמואל: כ'האָב נישט געזוכט ביי אים דעם הויכן אָפּשטאַם,
ער איז פאַר מיר געווען נאָר בלויז — שליחות!

ש א ו ל: ניין, ניין! איך וויל נישט זיין מער בלויז שליחות!
איך בין א מענטש פון פלייש און הייסע בלוטן.
דערזעלבער רעגן פאלט אויף אלע צמחים,
נאָר יעדע פרוכט און פלאנץ צעוואקסט, צעבליט זיך
מיט אייגענעם געררוך, קאָליר און אויסזען.
דו ווילסט, אז איך זאָל זיך אין וואָרט אין דיינעם
פארוואנדלען? נאָר די ווערט פון וואָרט צי קענסטו?
זיין ווערט איז בלויז צו שאצן אויף אזויפיל
אויף וויפל א י ך צו טאט דערפירן קען עס!
דו האָסט ביים ווילן מיך געהאט א טעות?
און זאָג: פארוואָס איז מ י ר פארווערט א טעות?
ש מ ו א ל: נביאים! זאָל ער ווי‍סן: כ'האָב מיין טעות
ביז היינט צו טאָג אליין זיך נישט פארגעבן!
ס'איז אויף דער עלטער מיר א פעסטונג רמה,
זי איז שוין אָבער אויך צוגלייך מיין תפיסה.
עס טאָר נישט זיין אויף זינד קיין שום פארגעבונג!
דער יושר דארף זיין שטרענג, ווי ס'איז דער אומרעכט!
דו ביסט פון מיר געוואָרן אויסגעקליבן
די שונאים פון ישראל צו פארניכטן.
דו האָסט נישט אויסגעפירט דיין גרויס שליחות
און ביסט פאר מיר, ווי פריער — נ י ש ט געוואָרן!

זיין קול שטאַרקט זיך.

און אויף דיין אָרט אן אנדערער וועט קומען —
ס'איז דוד! זיינע הארבסטע זינד אפילו
זיי וועלן זיין, ווי ס'איז ביינאכט דער חושך,
כדי צו זען די שטערן: זיינע מעלות!
ס'איז דוד! דאָס וועט ער פון גאָר די פלשתים
ישראלן אויף אייביק שוין באפרייען.
און פון די לענדן זיינע וועלן קומען
פיל מלכים העלדישע און הויכע שרים!

זיין קול ווערט שוואַכער, אָבער זייער לויטער.

און ס'וועט ישראל זינגען און דערציילן
פון זיינע גרויסע מעשים, גבורות, וואונדער —
ביז צו דעם סאמע סוף פון אלע דורות!

ער פאַלט צוזאַמען אויף די הענט פון די נביאים.

נביאים: אוי ווי צו אונז! אוי ווי! ס'גייט אוים דער נביא!
— צו זיך אין חדר פירט אים!
צום געלעגער!

מען פירט שמואלן אין הויז אַריין. ס'ווערט טונקעלער.
ס'הייבט זיך אויף אַ שטורעם. ס'לויפן דורך עטלעכע איינוווינער
פון רמה.

ערשטער: מען זאָגט: קיין רמה איז געקומען שאול!
צווייטער: מען זאָגט: עס איז דער נביא אויסגעגאַנגען!
דריטער: אוי, ווער וועט שיצן אונז פאַר שאולס צאָרן?
פערטער: מיר זענען הפקר איצט פאַר אים געוואָרן!
מען דאַרף אַנטלויפן!
אין די בערג!
אין היילן!

צעלויפן זיך.

שאול: בלייבט שטיין! א רגע ווארט... איך וויל אייך זאָגן...
נישטאָ מער קיינער... אלע שוין פאַרשוווּנדן...
פאַרוואָס ווערט פוסט די גאַס ארום פון מענטשן?
פאַרוואָס פאַרשליסט מען איילִיק טיר און טויער?
ווען ס'וואָלט זיך מיטאמאָל א וואָלף באַוויזן,
וואָלט נישט געדאַרפט זיין גרוים אזוי דער פּחד!
צי בין איך טאקע דאָס געשפּענסט געוואָרן,
א שרעק פאַר אלע, וועלכן אלע שרעקן?
אָ, מענטשן! אויפגערייצט האָט אייך דער נביא
אקעגן מיר — ווייל כ'האָב אים ווידערשפּעניקט.
ווילאַנג-נאָך דאַרף איך פאַר דער זינד באַצאָלן?
איך בין שוין מיד... איך בענק נאָך רו... נאָך שלום...

דאס זעקסטע בילד

גבעה. אין שאולס הויז. אַחינועם. שאולס מוטער.

א ח י נ ו ע ם: איך האב מיט גרויסן אומגעדולד דערוואַרט דיך,
פאר דעם באַמיען דיך אהער — זיי מוחל!
נישט מיין זאַך איז עס בלויז, נאָר אונזער ביידנס.
ס'איז שאול מיר א מאַן און דיר א זון דאָך,
וואָס איך, זיין פרוי, בין נישט אימשטאַנד באַווייזן,
קאָן זיין, וועט דיר, זיין מוטער — יאָ געלונגען.

מ ו ט ע ר: וואָס ווילסטו, אַחינועם, זאָג מיר קלאָרער.

א ח י נ ו ע ם: ס'האָט שאול מורא, אז די קרוין פארלירט ער,
און איך — איך שרעק זיך אים נישט צו פארלירן!

מ ו ט ע ר: פארנעמט אַן אַנדערע ביי אים דאָס אָרט דיינס?

א ח י נ ו ע ם: וואָלט צווישן מיר און אים א פרוי געשטאַנען —
איך וואָלט איר ביידע אויגן אויסגעשטאָכן,
איך וואָלט אין גאס מיט שטיינער זי באַוואָרפן!
ווי קאָן איך אָבער קעמפן מיט געשפּענסטער?

מ ו ט ע ר: מיין קראַנקער זון, מיין שאול! טאָכטער מיינע,
וואָס קאָן איך טון מיט עפּעס אים צו העלפן?

א ח י נ ו ע ם: איך וויל, אז שאול זאָל די שטאָט פארלאָזן,
צו דיר אין דאָרף אַריין זיך איבערציען.
דערלייכטערט פון דעם עול פון דער מלוכה,
די רו צוריק געפינען וועט ער אפשר.

מ ו ט ע ר: און דו וועסט דאָ מיט דיינע קינדער בלייבן?

א ח י נ ו ע ם: ווי קאָן איך אים אַזוי דען איבערלאָזן?
מיר וועלן ביידע זיין מיט אים צוזאַמען.
ס'וועט הערשן יונתן ביז זיין גענעזונג.

מוטער: דיין ראַט איז מיר צום האַרצן, אַחינועם.
אַחינועם: דו הערסט? ער גייט אַהער! ער דאַרף נישט וויסן,
אַז כ'האָב זיך פריער דאָ מיט דיר געטראָפן.
איך וואַרט אויף דיר, דאָ לינקס, אין חדר.

אַחינועם גייט שנעל אָפּ. אויפטריט שאול.

שאול: אָ, מוטער טייערע! אָ, ליבע מוטער!

נעמט זי אַרום.

מוטער: מיין זון, מיין זון! ווי דו האָסט דיך געעלטערט!
שאול: פאַרוואָס האָסטו ביז איצט מיין הויז געמיטן?
מיט וואָס איז דען פון מיר מיין ברודער בעסער,
וואָס דו האָסט נאָכן טויט פון אונזער פאָטער
זיין שטוב אין דאָרף זיך אויסגעוויילט צו וווינען.
אַזויפיל מאָל געשיקט צו דיר שליחים,
כדי פון דאָרף אַהער אין הויז דיך ברענגען —
זיי זענען יעדעס מאָל אָן דיר געקומען.
מוטער: איך האָב זיך שטיל געקלערט: אין הויז פון מלך,
איך ווייס נישט ווי אַזוי זיך אויפצופירן.
מיר זיינען פרעמד די הויפישע מנהגים.
שאול: נאָר דו ביסט פאָרט צו מיר געקומען, מוטער.
מוטער: איך בין געקומען, ווייל מען האָט געזאָגט מיר,
אַז דו ביסט קראַנק און פול מיט מרה־שחורה.
קאָן זיין, אַז איצטער וועל איך זיין דיר נייטיק.
שאול: ס'איז אמת. איך בין קראַנק, נאָר מיינע שונאים
מסתם פיל מערער וועגן דעם דערציילן,
כדי עס זאָל ביים פאָלק מיין נאָמען פאַלן.
מוטער: מיין זון, נאָכוואָס ביי עמעצן נאָך פרעגן,
ווען אַלץ דערציילט דיין בלייך און מאָגער פנים.
ס'איז שוואַרץ ווי פעך די באָרד פון ברודער דיינעם,
(און ער איז דאָך פון דיר מיט יאָרן יינגער!)
און דיינע: וויפל גראָע האָר דו האָסט שוין!
שאול: איז וואָס, אַז שוואַרץ נאָך איז דער קאָפּ פון ברודער
און מיינער — ווייס. דערפאַר האָט אויך נישט קיינמאָל
די קעניגלעכע קרוין זיין קאָפּ פאַרגאָלדעט.
מוטער: פאַרשאָלטן יענער טאָג זאָל זיין, אין וועלכן

דו האָסט צום ערשטן מאָל די קרוין געטראָגן!
עס האָט דער נביא אויף דיין קאָפּ געגאָסן
נישט אייל, נאָר פעך. ער ברענט ביז היינט דיין מוח!

שאול: אָ, מוטער!..

מוטער: שווייג! מען האָט אין דאָרף דערציילט מיר
פון דיינע גרוילִיקע און ווילדע מעשים.
און כ'האָב געשעמט זיך ווייזן פאר די מענטשן.
אין טעג פון אומרו און אין נעכט אין וואכע,
איך האָב געפרעגט זיך: צי איז טאקע אמת,
אז כ'האָב אזעלכן, שאול, דיך געבוירן?
דו האָסט דאָך פון מיין מוטער-ברוסט געזויגן
נישט סם, נאָר מילך, און איך האָב דיך געלערנט
צו גיין א גוטער אויף דער ערד, נישט טרעטן
מיט אכזריות אויף שוואכע מענטשן-גופים.

שאול: ווייל כ'האָב געוואָלט פארפעסטיקן מיין מלכות,
נישט בלויז פאר זיך, נאָר אויך פאר מיינע קינדער.

מוטער: פאר דיינע קינדער? וועמען מיינסטו? וועמען?
צי יונתן, וואָס איז באליבט ביי אלע,
נאָר נישט ביי דיר. צי מיכל, וואָס דו האָסט איר
מיט צוואנג און גוואלט א צווייטן מאן געגעבן —

שאול: וואָס ליבט זי זייער!

מוטער: אָבער אירע טרערן
זיי ווייקן אוים איעדע נאכט איר קישן.

שאול: און איך האָב נאָר געמיינט, אז דו וועסט, מוטער...

מוטער: אז דו ווילסט מער נישט ווערן ווידער פּאָטער,
פארלאנג אויך נישט פון מיר צו זיין א מוטער!

שאול פאַרגראָבט דעם קאָפּ אין די הענט. די מוטער שטייט לעבן אים. אויפטריט אַבנר. ער דערזעט דאָס בילד און זיין פנים ווערט פינצטער. שאול זיצט אַלץ פאַרשטאַרט, נאָר די מוטער האָט דערפילט די אָנוועזנהייט פון אַ פרעמדן. זי דרייט זיך אויס, ציט זיך צוריק דערשראָקן. אַבנר מאַכט אַ טריט נעענטער צו שאולן. ענדלעך באַמערקט אים אויך שאול. ער ווערט צעמישט און שטאַמלט:

שאול: עס טרעפט... א רגע שוואכקייט... אַט, א רגע...

אבנר: איך בין צו דיר געקומען וויכטיקס רעדן!

שאול: וואָס שטייסטו אין א זייט? ס'איז נישט קיין פרעמדער.
עס איז אן אייגענער, א קרוב — אבנר...

אבנר: איז געבליבן שטיין שטייף אין דער פריערדיקער פּאָזע.
איך בין צו דיר געקומען וויכטיקס רעדן!

שאול: דערזעט די מוטער, וואָס האָט זיך צוריקגעצויגן און קוקט דער-
שראָקן אויף אַבנרן.
דו זעסט: א גאַסט, א זעלטענער, — די מוטער...
צי איז נישט מעגלעך דו זאָלסט קומען שפּעטער?

אבנר: א רגע שפּעטער קאָן נאָך זיין געפערלעך!

מוטער: איך וועל נישט שטערן. כ'גיי אריין א קוק-טון,
וואָס אחינועם און די קינדער מאכן...

שאול: זיי מוחל, מוטער. כ'וועל א רגע בלייבן.
איך קום דערנאָך אין אחינועמס חדר.

שאול באַגלייט אַרויס די מוטער. קומט צוריק און זעצט זיך אויפן טראָן.

איך הער דיך, אבנר.

אבנר: דאָס, וואָס איך וועל זאָגן
וועט זיין מסתם דיר שווער צו הערן.

שאול: די אָפענע געפאר איז שטענדיק קלענער
פון דער פארשטעלטער.

אבנר: הער: איך ווייס, אז דוד
איז דער, וואָס ברענגט דעם אומרו אין דיין הארצן.
דערום האָב איך אריינגערעדט אין הייל,
אז דוד מיינט נישט בלויז די קרוין דיר רויבן,
נאָר אויך ביי יעדן פון דעם פאָלק באזונדער
זיין ווייב, זיין הויז, זיין ווייַנשטאָק און זיין אייזל.
(ווייל אנדערש וואָלטן זיי דאָך נישט געגאנגען
זיך שלאָגן, איינצושטעלן זייער לעבן!)
געמוזט אוועק האָט דוד אין דער מדבר,
אין הויכע בערג, אין היילן זיך באהאלטן.
און ווו ס'איז דודן די זון פארגאנגען,
האָט ער נישט מער געזען זי דאָרטן אויפגיין!

שאול: איך ווייס, אז כ'האָב א סך דיר צו פארדאנקען.
כ'האָב קיינמאָל נישט געצווייפלט אין דיין טרייקייט.

אבנר: דערפאר האָסטו אין זיין פאראט געצווייפלט!
דאָס איז פאר מיר און אויך פאר דיר נאָך ערגער!

וואָס כ'האָב געבויט מיט אָנשטרענג און מיט מאטער,
ביסטו געקומען און געמאכט עס חרוב!
ס'האָט דודן אָן רו געיאָגט מיין חייל,
נאָר דו, ווי דו האָסט דיך מיט אים געטראָפן,
האָסטו אים צוגעגעבן רעכט, געבעטן
פאר יעדנס אויגן ער זאָל דיר פארגעבן.
דערמיט האָסטו געוויזן אונזער חייל,
אז ס'קעמפט גאָר פאר א זאך אן אומגערעכטע!
צי ווייסטו כאָטש, ווי ס'איז דער נאָמען דיינער
ביים חייל און ביים פאָלק דערפאר געפאלן?
שאול: צי ביסטו טאקע בלויז דערפאר געקומען
כדי מיך פייניקן?
אבנר: הער אוים מיך ווייטער:
נישט אנדערש ביסטו אויך געוועזן צום נביא.
צו אָט דעם מענטשן, וואָס האָט דיך פארשטויסן
און ביי דיין לעבן נאָך געזאלבט א צווייטן.
צו אים ביסטו אליין אהיים געקומען
און אים געבעטן ער זאָל דיר פארגעבן.
אויף וועלכע זינד האָסטו אזוי געבעטן,
אז שמואל זאָל דיר מוחל זיין? צי אפשר
די זינד, וואָס ער איז קעגן ד י ר באגאנגען?!
שאול: איך ווייס אליין עס, ווער געוועזן איז שמואל,
ווער דוד איז, און זייערע חטאים.
עס שטאמט דער נביא פון אפרים־יחוס,
און דוד — פון דעם מעכטיקן יהודה.
ס'האָט שמואל זיך ביי עלין גוט דערצויגן,
און דודן האָט גאָט געבענטשט מיט מעלות.
וועןביידע וואָלטן מיר געשטיצט מיין מלכות,
מיט עצות — שמואל און מיט מעשים — דוד,
עס וואָלט געוועזן ישראל גרויס און מעכטיק!
נאָר קיינער נישט פון זיי געוואָלט האָט העלפן
דעם פראָסטן פויער פירן די מלוכה.
דאָס פאָלק דערפאר איז מיר געטריי געבליבן
און יעדעס מאָל איז ווער פון אים געקומען
מיר אויסצוגעבן דאס באהעלטניש דודס.

מיט שמואלן געבליבן איז אין רמה
נישט מערער, ווי א קליינע צאָל נביאים.
נאָר איצטער האָט די צייט א סך געביטן:
ס'איז שמואל — טויט, און דוד — שוין געפינט זיך
מחוץ די גרענעצן פון לאַנד ישראל.

א ב נ ר: ער איז מחוץ פון אונזער לאַנד ישראל —
ער שלאָגט אָבער די פיינט א ר ו ם ישראל.
דאָס פאָלק אים זעט: א גבור, א באפרייער!

ש א ו ל: ווי קענען מיר באווייזן אים צו פאַנגען,
ווען ער באהאַלט זיך ביי די פיינט, די פלשתים.
צו גיין אקעגן אים, איז איצט דאָס זעלבע,
ווי מיט די פלשתים פירן א מלחמה.

א ב נ ר: אזא מלחמה וויל איך איצט פארמיידן.
זיי וויסן אָבער: אָכיש האָט אין שונם
געזאמלט קעגן אונז א מעכטיק חייל!

ש א ו ל: אָ, בשורה פינצטערע! אָ, בשורה בייזע!
און זאָג אליין: איז איצט די צייט צו רעדן
פון דודן, ווען גרייט איז יעדע רגע
דעם שונאס חייל אונזער לאַנד באפאַלן!

א ב נ ר: דו ווייסט אלצאיינס אקעגן פלשתים - חייל
נישט קענען ביישטיין. גרויס איז זייער כוח.
זיי האָבן רייטוואָגנס און האָבן וואפן.
מען וועט מיט געלט זיי מוזן אונטערקויפן
און אפשר אויך זיי געבן שטעט און דערפער.

ש א ו ל: ניין, ניין! איך וועל דאָס קיינמאָל נישט דערלאָזן!

א ב נ ר: דו וואָלסט נאָר דעמלט נישט געקענט דערלאָזן,
ווען אין די הענט וואָלסטו געהאַט כלי זין.

ש א ו ל: און וואָס וועט זאָגן דאָס פאָלק ישראל?
ס'וועט דורותדיקע חרפה אונז באדעקן!

א ב נ ר: דאָס פאָלק פון דער מפלה אָפצווענדן,
איז נויטיק געבן אים א צווייטן שונא,
און איבער אָט דעם שונא — א נצחון!
דער שונא, דער — דאַרף איצטער ווערן דוד.

ש א ו ל: און ווי נאָך וועסטו דודן באקומען?

אבנר: קוים גיבן מיר שוין יאָ די פלשתים שוחד,
און אפשר נאָך אחוץ דעם — שטעט און דערפער,
איז קענען מיר געווים א תנאי זיי שטעלן:
זיי זאָלן דודן אונז איבערגעבן!

שאול: דיין עצה האָט פארקלערט אליין דער שטן!
איך וועל מלחמה פירן מיט די פלשתים!

אבנר: דו קענסט זיין רויק. ס'איז דיין קעגנער: דוד.
ער האָט שוין דיך אין זיינע הענט געהאלטן
אזויפיל מאָל — און דיך ארויסגעלאָזן.
עס איז דערפאר דער שונא מיינער — יואב,
פון אים קאָן איך קיין חסד נישט דערווארטן!

אויפטריט יונתן.

שאול: זאָל הערן יונתן...

אבנר: ס'איז מיר זיין ענטפער
באקאנט פון פריער. ער וועט זיך נישט שטעלן
אקעגן דודן.

יונתן: וואָס וויל דאָ אבנר?

שאול: ס'האָט אבנר ערשט געבראכט מיר א ידיעה,
אז אכיש האָט די פלשתים איצט געזאמלט
אקעגן אונז אין שונם אויף מלחמה.

יונתן: מיר דארפן זיי נאָך היינט אנטקעגנשטעלן
דאָס חייל אונזערס!

אבנר: אומזין! אונזער חייל
איז קליין אין צאָל, דערצו נאָך שוואך באוואָפנט!

יונתן: צי וועלן מיר זיך לאָזן ווי די לעמער
הכנעהדיק שעכטן? ניין! ניין, אבנר!

אבנר: און אויב מיר וועלן אונזער שלאכט פארשפילן?

יונתן: נישטאָ איז א פארלוירענע מלחמה
צוליב דער פרייהייט! יעדער קריג פאר יושר
איז א געוווּנענער! און ווען אפילו
עס זיגט אמאָל דער שונא אויפן שלאכטפעלד —
נעמט וואקסן זיבנפאך אין פאָלק דער צאָרן
אקעגן שונא. ביז דאָס פאָלק ברויזט ווידער
מיט נייער קראפט און זיגט און מוז נאָך זיגן!

עס גייען איך און דו און דיינע ברידער.
און אבנר, דו, אויך דו, וואָס ביסט געגאנגען
אמאָל מיט מיר שוין אין אזויפיל שלאכטן,
אין דער וועט אויך נישט קלענער זיין דיין חלק.
דער קריג, איז אונזער חוב! דער קריג, איז הייליק!
עס פעלן וואָפן? זאָל זיך קיינער שרעקן.
מיט שווערד, מיט שפּיז און אויך מיט שטיין און שטעקן!
מיר גייען שיצן נישט דאָס לאנד בלויז, דאָ וועט
באשיצן יעדער זיך אליין דעם כבוד!

אין הינטערגרונט באַווייזן זיך שאולס מוטער און אַחינועם. זיי האַלטן אינמיטן געשפּרעך.

אחינועם: וויל שאולן איז נייטיק רו... און פרידן...

שאול: שטייט אויף פון טראָן.

זאָל אבנר הייסן קומען אלע לויפער.
אין גאנצן לאנד זיי זאָלן בלאָזן שופר.
אין נאָמען גאָטס, אין מלך שאולס נאָמען —
שטיי-אויף ישראל! גרייט זיך אויף מלחמה!

אַחינועם פאַלט אין אָנמאַכט, נאָר שאולס מוטער האַלט זי אונטער. ס׳טרעטן-אויף צוויי קריגער און בלאָזן שופר.

דאס זיבעטע בילד

אין עין דור. ס׳הערט זיך אַ מיליטערישער מאַרש. ער ווערט אַלץ ווייטער און ווייטער. ביי דער כשופמאַכערין אין שטוב.

תרצה: דאָס ערשטע מאָל, אז אונזער אָרט, דאָס קליינע,
פאר איינמאָל זעט ביי זיך אזויפיל חייל.
ס׳איז אין די הייזער קיינער נישט געבליבן,
פון קינד ביז זקן — אלע אויף די גאסן.
איך בין ארויסגעגאנגען קעגן חייל,
ווייל כ׳האָב געהאָפט באגעגענען דעם מלך.
אזויפיל יאָרן ליידן פון א שונא
און נישט א קוק־טון איינמאָל אים אין פנים.
נאָר ס׳איז ביז היינט די זאך מיר נישט געלונגען.
מען זאָגט, עס איז זיין אומרו אים באפאלן.
און נאָך: אז ער איז גאָר אהער געקומען
נאָך פריער, אינדערשטיל, אין פרעמדע קליידער.
אביה: און איך האָב דאָרט געזען, ווייסט, מוטער, וועמען?
דעם מלכס זון, דעם יינגסטן: מלכישוע!
מיט מיר זעט אוים ער אין דעם זעלבן עלטער.
איך האָב נאָך נישט געזען אזא שיין יינגל!
תרצה: ס׳איז נישט פאר דיר צו חלומען, מיין טאָכטער,
פון קיניגלעכע זין. נאָר אין די מעשות
און לידער זעט מען זיי אמאָל פארברענגען
צוזאמען מיט אזא מין פשוט מיידל.
נאָר היינט, מיין קינד, דו דארפסט זיך זייער היטן,
די שטאָט איז איצטער פול מיט שאולס חייל.
דו ביסט נאָך יונג, מיין קינד, און נישט דערפאָרן.

און זיי — די שלאכט, וואָס זיי דערוואַרט שוין מאָרגן,
מאַכט הפקר זייער טאַט! גיי שלאָפֿן, טאָכטער.

אביה: אוי, ווילט זיך עפּעס היינט נישט גיין מיר שלאָפֿן!

תרצה: מיין טאָכטער, בלויז די פֿלעדערמויז און סאָווע
מיט אויגן אָפֿענע אין חושך פֿליען.
א מענטש ביינאַכט — די אויגן דאַרף פֿאַרשליסן.

אביה: פֿאַרוואָסזשע אָבער, זאָג, קאָנסטו נישט שלאָפֿן,
און דורך די נעכט דו גייסט אַרום אַ וואַכע?

תרצה: עס קאָנען מענטשן עלטערע נישט שלאָפֿן,
ווייל מענטשן עלטערע אין חלום זעען
די יוגנט, און זיי שטייען אויף צעקלעמטע.
די יונגע זעען אינעם טרוים די צוקונפֿט
און וועקן אויף זיך אינדערפֿרי דערפֿרייטע.

אביה: וואָס ווייס איך דען צו זאָגן פֿון מיין צוקונפֿט?
נאָר דו, פֿון רייכן לעבן דיינעם, וויפֿל
האָסטו דערציילט מיר וווּנדערלעכע זאַכן!
און נישט נאָר פֿון אַמאָל, נאָך איצט אַפֿילו,
בעת מיר גייען אין דער גאַס שפּאַצירן,
ניין, נישט אויף מיר, אויף דיר עס קוקן מענער...
איך שעם זיך, נאָר איך מוז דיר איצטער זאָגן:
איך בין דאָך יונג, נישט עלטער נאָך פֿון פּופּצן
און — זיי מיר מוחל פֿאַר מיין חוצפּה, מוטער...

תרצה: זיי מוחל, טאָכטער. ס'איז מיר אין מיין לעבן
די שיינקייט תמיד בלויז געווען אַ קללה!
איך בין געווען נאָך יונג, פֿון דיר נאָך יונגער,
אַז אָפּגעשטעלט עס האָבן זיך די מענער,
ווען כ'בין אַמאָל די גאַס אַדורכגעגאַנגען.
און פֿלעג איך ווען אויף ווען נאָך אַ קוק־טון,
איז ער געוואָרן בלייך, צעמישט די זינען.
איך האָב צו אים געטון אַ לייכטן שמייכל,
איז באַלד אין אים צוריק געבוירן לעבן.
ס'האָט שמואל זיך דערוווּסט דעם וווּנדער־כּח
פֿון מיינע בליקן און געשיקט מיך רופֿן.
אין רמה בלייב, געזאָגט האָט מיר דער נביא,
דו וועסט נאָך זיין ווי דבורה די נביאה!

אביה: וואָס רעדסטו? דו, מיין מאמע, א נביאה?!
תרצה: איך בין געבליבן צווישן די נביאים,
זיך דאָרט געלערנט אויף א האַרף צו שפּילן.
אַלץ אָפטער האָבן דעמלט די נביאים
געזונגען לידער, און דערפאַר די תפילות,
וואָס זעלטענער געזאָגט. נאָר האָט געטראָפן
איך בין געוואָרן קראַנק, איז ווי אנטשוויגן
געוואָרן זייער ליד, און שטאַרקער, הייסער
עס האָבן זיך געהערט פון זיי די תפילות.
ס'האָט שמואל איבער זיי די מאכט פאַרלוירן.
ער האָט דערפילט עס, מיך צו זיך גערופן,
און מיר געזאָגט: ניי גלייך אוועק פונדאַנען!
דיין כח, נישט פון גאָט איז, נאָר פון כשוף!
אביה: אזוי ביסטו אוועק פון בייזן נביא?
תרצה: איך בין אזוי אוועק און נישט נאָר איינע.
עס זענען נאָך א סך מיט מיר געגאַנגען.
געוואָרן זיינען אלע כשופמאַכערס.
נאָר ס'איז מיין אָנזען — גרעסער פון א יעדנס.
פון גאַנץ ישראל האָבן אָנגעהויבן
צו מיר צו וואַנדערן המונים מענטשן.
ווייל נאָך פון סאמע בראשית לאָקט דעם מענטשן
דאָס אלץ פאַרבאָטענע און אומבאַקאַנטע.
אביה: און דו פלעגסט, מוטער, זיי באמת היילן?
תרצה: איך האָב געהיילט באמת בלויז די מענטשן,
וואָס האָבן היים געגלייבט, אז כ'קאָן זיי העלפן.
אביה: וואָס האָט דערצו געטון דער נביא שמואל?
תרצה: געקוקט מיט מורא אויף מיין שטאָט פון כשוף,
וואָס האָט פאַרטונקלט זיין נביאים־פעסטונג.
און אַנמעכטיק איז ער געווען, פאַרלוירן,
ביז שאולן ער האָט געוויילט פאַר מלך.
אביה: האָט שמואל דאָך אויף שאולן געצערנט!
תרצה: דערנאָך, דערנאָך, ווען ס'איז אים קלאָר געוואָרן,
אַז שאול גלייך, ווי איך, פון אים ווערט שטאַרקער.
ווען אויפן טראָן איז נאָר ארויף דער מלך,

האָט גלייך אים שמואל אַ באַפעל געגעבן
פּאַרטיליקן אין לאַנד די כשופמאַכערס.
אביה: און ווי אַזוי ביסטו געבליבן לעבן?
תרצה: ס'איז איינמאָל אין מיין הויז ביינאַכט געקומען
אַ קנעכט פון שאולן, כדי מיך טייטן.

שווייגט.

אביה: דערציל, דערצייל מיר די געשיכטע ווייטער!
תרצה: געווען איז ער אַ יונגער, שיינער, שלאַנקער,
און ס'איז געווען די נאַכט אַ הייס־צעגליטע...

זי ווערט ווידער אַנטשוויגן, ווי זי וואָלט עפּעס באַגעקלערט.
צבדלעך זאָגט זי אַנטשלאָסן.

הער אויס, איך וועל דיר איצט אַ סוד אַנטפּלעקן,
וואָס כ'האָב די גאַנצע צייט פאַר דיר פאַרהוילן.
דיין פאָטער איז נישט אין דער שלאַכט געפאַלן,
בעת איך בין מיט דיר געווען שוואַנגער.
(ווי כ'האָב עס דיר דערציילט דאָס גאַנצע לעבן.)
אין יענער זומער־נאַכט האָט ער אונז ביידע
געשענקט דאָס לעבן...

אביה: שנעלער, זאָג מיר שנעלער,
עס לעבט, עס לעבט נאָך ערגעץ־ווו מיין פאָטער?!
תרצה: ער איז געלעגן און געשלאָפן רויק,
ווען כ'בין גאָר שטיל פון אים אַוועק באַגינען
און דאָ אַהער, אין דאָרף עין־דור, אַנטלאָפן.
אביה: און ער? וואָס איז געשען מיט אים? דערצייל מיר!
תרצה: ער איז קיין גבעה אויף דער נאַכט געקומען,
ס'האָט שאול גלייך געהייסן אים צו ברענגען
און אויף אַ בוים, אַלס שטראָף, באַפוילן הענגען...

מען קלאַפּט אין טיר.

מען קלאַפּט אין טויער! שפּעט אַזוי אַן אורח?!
קאָן זיין, ס'איז עמעצער פון שאולס חייל,
מיין טאָכטער, גיי אַריין אין צווייטן חדר,
ס'איז בעסער, ער זאָל דיך ביי מיר נישט טרעפן.

פירט אַרויס די טאָכטער און קומט באַלד צוריק. ס'הערט זיך
ווידער קלאַפּן אין דער טיר.

תרצה: ווער קלאפּט? ווער קלאפּט עס שפּעט אזוי?
א שטים: : פון דרויסן א קריגער!

די כשופמאַכערין עפנט די טיר. אויפטריט שאול פאַרקליידט.

תרצה: ווי וואגסטו, קריגער, אין דער נאכט דער שפּעטער
א שטילער פרוי די רו און שלאָף צו שטערן?!
שאול: זיי רויק, פרוי. איך בין א קריגער שאולס,
איך בין אהער געקומען קריג צו פירן,
נאָר נישט מיט דיר.
תרצה: און וואָס פארלאנגסטו, קריגער?
שאול: עס האָבן מענטשן פון עין-דור דערציילט מיר,
אז אין דיין קעלער האָסטו ווייַן גאָר אלטן.
ס'איז דאָרטן אלט דער ווייַן, אויך איך בין אלט שוין,
זאָל דורך דער אלטקייט — אלטקייט ווערן יינגער!
תרצה: מיין האר, ס'איז אויפגעהיט דער ווייַן אין קעלער
פאר אורחים גאָר באזונדערע אויף שמחות,
און דו ביסט דאָך אינגאנצן מיר א פרעמדער!
שאול: וואַרפט איר אַ בייטל מיט געלט.
די שקלים זענען אָבער דאָך באקאנט דיר!
תרצה: כאַפּט דאָס געלט.
דערלויב מיר, האר, דעם ווייַן דיר גלייך צו ברענגען.
אָפּ.
שאול: געהיים זיך פון געצעלט ארויסגעגנבעט,
געהילט אין מאנטל און אין טונקעלע שאָטנס.
אמאָל, בעת אזא געמיט א שווערן,
עס פלעגט שוין דוד אויף דער הארף מיר שפּילן,
נאָר איצטער, ווייַן — דערמינטער און באַרויש מיך!
אויפטריט כשופמאַכערין.
תרצה: מיין האר, פּרווו אוים א טראָפּן אויפן גומען,
וועסט תיכף מודה זיין, אז ס'האט געלוינט זיך
אזויפיל יאָרן אויפן ווייַן צו וואַרטן.
שאול: טרינקט. דער מענטש, וואָס האט דעם ווייַן געשטעלט אין קעלער,
איז אלט געוואָרן און איז שוואַך געוואָרן,
געוואָרן גראָ, געוואָרן קראַנק, געבויגן,
געשטאָרבן, און זיין גוף — שוין לאַנג פאַרדאָרבן.

נאָר ס'האָט דער וויין מיט כח אָנגעקוואָלן,
פון יאָר צו יאָר געוואָרן ער איז שטאַרקער.
און נאָך אַזויפיל יאָרן פון זיין יוגנט
ער איבערוועלטיקט יעדן מיט זיין גבורה!
אָ, פרוי, צי איז דאָס אַלץ נישט פול מיט וווּנדער
און אויך צוגלייך מיט ווי און טיפן טרויער?

תרצה: דו טראַכסט דערפון מיט ווי, ווייל דו ביסט ניכטער.
נאָר גיב אַ טראַכט, אַז אָט דער וויין, וואָס טרינקסט איצט,
פאַר דיר האָט ער פון אַלע זיינע יאָרן
געזאַמלט שטאַרקייט — וועסטו ווערן פריילעך.

שאול: דערלאַנגט איר אַ כוס.
ביסט, פרוי, גאַנץ קלוג. נאַ, טרינק! ווי איך ווער פריילעך!

תרצה: טרינקט. שוין זייער לאַנג, אַז כ'האָב נישט וויין געטרונקען.
איז זאָג מיר, קריגער, ווער ביסטו אַזעלכער?

שאול: וואָס דאַרפסטו עס דען וויסן?

תרצה: ווייל דיין אויסזען,
דיין קול, דיין יעדע תנועה, זאָגן עדות
פון גרויסע ליידן און צוגלייך — פון הערשאַפט!
חוץ שמואלס פנים כ'קאָן זיך נישט דערמאָנען
אין לעבן מיינעם נאָך אַזאַ מין פנים.

שאול: און אינעם פנים דיינעם — ליגט אַ כשוף!
כשופמאַכערין טוט אַ ציטער.
ווען כ'וואָלט געוועזן ביים מוט, געזונטער, יינגער —
איז אָבער שוין פון מיר בלויז אַש געבליבן.

תרצה: דו פרווו און בלאָז אַוועק דאָס אַש פון אויבן,
עס גליט נאָך אונטער אים כמעט אַ פייער!

שאול: נאָך מערער פון דיין וויין מיך מאַכן שכור
די ווערטער דיינע! נאָר גענוג געטרונקען —
פרוי, זיי געזעגנט!

תרצה: דער קריגער שרעקט זיך!

שאול: דער טויט איז נישט קיין בושה פאַר אַ קריגער,
ער דאַרף זיך אָבער שעמען, ווען מען פאַנגט אים!

תרצה: פונוואַנען ווייסטו ווער עס איז געפאַנגען?
פאַרבלייב ביי מיר! פאַרבלייב דאָ ביז באַגינען.

שאול: ווי קאָן איך רויק מיט דיר פאַרבריינגען,
ווען אומבאַקאַנט און פינצטער איז מיין מאָרגן?
און ס׳איז מיין האַרץ מיר פול מיט זאָרג און אומרו.

תרצה: צי ווילסטו זען דיין מאָרגנדיקן גורל?
איך וועל דיר איצט א גרויסן סוד אַנטפּלעקן,
פאַרוועלכן כ׳קאָן באַצאָלן מיטן לעבן,
אַז וועסט אים אויסגעבן דעם מלך שאול.
(ווייל ס׳איז א פרוי בכח אָפּצוגעבן
פאַר דעם, וואָס זי האָט ליב — דאָס גאַנצע לעבן!)
נאָר איך שטעל איין, עס זאָל אפילו ווערן
די נאַכט די היינטיקע — מיין נאַכט די לעצטע.
איך וועל דיין מאָרגן ווייזן דיר דורך כשוף.

שאול: און ווער האָט דיך געלערנט כשוף מאַכן?

תרצה: דערזעלבער האָט געלערנט פייגל זינגען,
דעם מענטשן אָטעמען, די שטערן שיינען,
דעם טייך צו רוישן און דעם ווינט — באַרוישן!

שאול: ס׳האָט יענער אָפּגעקערט פון מיר זיין פנים,
אויף מיינע תפילות לאַנג שוין נישט געענטפערט
און אויך מיין בעסטן קרבן — נישט באַוויליקט.
זאָל זיין דורך כשוף — וויל איך אויך דאָס וויסן!

תרצה: צו גאָטס נביאים קומען די מלאכים
אַראָפּ פון הימל זיי די צוקונפט זאָגן.
נאָר מיר דערציילן פון דער צוקונפט — גייסטער.
דעם גייסט פון וועלכן מענטשן זאָל איך רופן?

שאול: דו, נעם רוף אַרויס דעם גייסט פון נביא שמואל.

תרצה: אוי, ניין! איעדן גייסט — נאָר נישט פון נביא!

שאול: פאַרוואָס נישט אים? איז ער געווען דיין שונא?

תרצה: געווען א צייט, ווען ער האָט מיך דערנענטערט,
נאָר שפּעטער מיך אינגאַנצן אָפּגעשטויסן.

שאול: אויך מיך געטראָפן האָט דערזעלבער גורל.
נאָר הער מיך אויס: דו וועסט דיין צוזאָג האַלטן,
צי האָסטו שוין חרטה?

תרצה: בלויז א רגע.
א רגע זיך געוואַקלט. כ׳בין עס גובר.

זיי גרייט דעם גייסט פון נביא אויפצונעמען!

ס'ווערט טונקל. דונער און בליץ. שטורעם. דער גייסט פון נביא שמואל באווייזט זיך.

שמואל: האָט ווער מיך דאָ גערופן?

שאול: פאַלט אויפן פּנים. ציטערט. שאול!

תרצה: שרייט—אויף. שאול?!

שמואל: דו האָסט צעשטערט די רו מיר ביי מיין לעבן,
גיב איצט כאָטש רו מיר נאָכן טויט אין קבֿר!

שאול: עס האָט געטראָפן מיך דיין שטרענגער צאָרן,
דו ביסט מיין אומרו און מיין שרעק געוואָרן,
מיט וועלכן כ'קאָן זיך אָבער נישט צעשיידן.
ביסט טאַקע דער, וואָס האָט מיך שטאַרק דערנידערט,
נאָר אויך דער ערשטער, וואָס האָט מיך דערהויבן.
און מיט דיין טויט איז מיר צעשטערט געוואָרן
דער לעצטער אָנשפּאַר. דו האָסט מיר אַלס שונא
נישט ווייניק אָנזען און אויך קראַפט געגעבן.
דערפאַר בין איך צו דיר געקומען ווידער,
געקומען ווידער זוכן ראַט און רעטונג.
אָט זעסטו דאָך אַליין: עס קאָן אונז ביידע
דער טויט אַפילו שוין נישט מער צעשיידן.
איך האָב ביי דיר מיין מלכות אָנגעהויבן
און אפשר — וועל איך אויך מיט דיר עס שליסן.

שמואל: און וואָס איז דיין באַגער? וואָס ווילסטו וויסן?

שאול: איך גיי אַרויס באַגעגענען קעגן פּלשתּים.
איז וויל איך וויסן, נביא: וועל איך זיגן,
צי גאָט וועט גאָר דאָס פֿאָלק זיינס איבערגעבן
דעם בייזן שונא — אויף רויב, אויף מאָרד און קנעכטשאַפט.

שמואל: ניין, נישט דורך דיר וועט גאָט די פּלשתּים שלאָגן,
דערצו האָט ער זיין דוד אויסגעקליבן.
און דו — דו וועסט פֿאַרשפּילן די מלחמה,
מיט דיינע קינדער אויף דעם שלאַכטפֿעלד פֿאַלן!

שאול פֿאַלט אָנמעכטיק אויף דער ערד. שמואלס גייסט פֿאַר־שווינדט. צו שאולן דערנעטערט זיך די כּשופֿמאַכערין.

תרצה: איז דאָס גאָר שאול! ער, דערזועלבער שאול,
וואָס האָט געמאַכט מיך יעדע רגע הפקר

און יאָרן, דורך די נעכט, געריבט דעם שלאָף מיר!
דורך אים געלעגן ווי א קרעט באַגראָבן,
פון מענטשן און פון זונענשיין דערווייטערט.
ס'האָט ע ר די קנעכט ארומגעשיקט מיך זוכן
און ווי די הינט מיר תמיד נאָכצושפּירן.
וואָלט שאול נישט געווען, וואָס וואָלט געפעלט מיר?
איך וואָלט געקליידט געווען אין זייד און פּורפּור,
פון גאָלד און זילבער — אלע מיינע כלים.
איך וואָלט געשמט נישט בלויז ביים פאָלק ישראל,
נאָר אויך אפילו אינעם לאנד מצרים.
איך האָב דאָס א י ם ביי מיר אין הארץ געטראָגן
מיט שנאה און מיט פחד לאנגע יאָרן —
ציט ארויס א מעסער.
איך האָב עס שטענדיק גרייט געהאלטן
אין האַרץ אין אייגענעם אריינצושטעכן,
אויב ס'וועלן זיינע קנעכט מיך איבערפאלן.
נאָר איצט —
זי פארמעסט זיך אויף שאולן מיטן מעסער. א ווײַלע האלט זי עס אין דער הויך. איר האנט נעמט ציטערן. זי לאָזט עס אראָפּ.
וואָס ווילסטו טון? דו ביסט פון זינען?
אויף ווע מען האָסטו איצט דיין האנט געהויבן?
ווארפט אוועק דאָס מעסער, מינטערט אים.
שטיי־אויף מיין האר... מיין מלך... מיין געליבטער...
ש א ו ל: וועקט זיך. איז ער שוין מער נישטאָ? איז ער פארשוווּנדן?
ת ר צ ה: וואָס האָט דער נביא דיר געזאָגט?
ש א ו ל: מפּלה
און אומקום — מיר מיט מיינע זין צוזאמען!
ת ר צ ה: איך האָב דיך, ליבער, היינט ביינאכט געפונען,
צי זאָל איך אין דערזעלבער דיך פארלירן?
ניין, ניין! דו וועסט געווים דעם פיינט באַזיגן!
ס'וועט מאָרגן זיין א טאָג, א וואונדער־שיינער.
כ'וועל דיר און חייל דיינעם גיין אקעגן
און אויך, מיט מיר צוזאמען — אלע פרויען.
אויף הארפן אויפצושפּילן און אויף פלייטן,
אויף צימבלען און אויף פּויקן און אויף טאצן —

שאול: און דאָס, וואָס האָט מיר ערשט געזאָגט דער נביא?
תרצה: צי גלויבסטו אויף אַן אמת אין דעם כשוף?
שאול: דורך כשוף האָסטו שמואלן גערופן,
נאָר ווען ס'האָט שמואל זיך פאַר מיר באַוויזן,
האָסטו די שליטה איבער אים פאַרלוירן,
און ער איז אמת אין די ווערטער — אמת.

ער נעמט זי אָן פאַר דער האַנט און פירט זי צום פענצטער.

די דאָזיקע לבנה אויפן הימל,
וועט ווידער מאָרגן אויפן הימל שיינען ,
נאָר מיין געזיכט וועט זיין פון אירן — בלייכער.
און מיינע אויגן, אויך אפילו אָפן,
זיי וועלן גאָרנישט זען, נאָר שטאַרע גלאָצן.
מיין קאָפּ פון שונאָס קריגער אָפּגעשניטן,
וועט אויף די טויערן פון שטאָט שוין שטעקן —
דאָס פאָלק ישראל מיט מיין טויט צו שרעקן.
ארום עס וועט זיך קיינער מער נישט ווייזן,
נאָר איבער מיר די קראָען וועלן פליען
און קראַקען: קראַ!
תרצה: און אויב דו גלייבסט באמת,
אַז דו וועסט קענען פיינט די שלאַכט פאַרשפּילן
און אויף דעם שלאַכטפעלד דו וועסט מאָרגן פאַלן —
נאָכוואָסושע גיין אויף זיכערער מפּלה?

גייט צו אים צו נעענטער . שעפּטשעט.

דו מוזסט דיך אָפּזאָגן צו קעמפן מאָרגן!
און אויב דיר פּאַסט נישט זיך צוריקצוציען —
זאָל מאָרגן פירן די מלחמה אבנר .
איך וועל פאַר דיר דאָ גרייטן א געלעגער
און צוטראָגן אליין צום בעט דאָס עסן.
עס וועלן דיך דערוואַרטן צערטלעכקייטן
אַזעלכע הייסע, וואָס קיין פרוי קיין צווייטע,
איז נישט בכח דיר אַרויסצווייזן.

זי באַמערקט זיין ווידערווילן.

דו ביסט באמת נישט געזונט, דו פיבערסט!
שאול: צי מיינסטו, אַז דער מלך פון ישראל

פון שלאכטפעלד וועט אנטלויפן זיך באהאלטן
אין בעט, צי גאָר אין ווייכע פרויען-אָרעמס?
איך וועל פארשפּילן — דאָס קאָן אויך זיך טרעפן.
א גבור איז נישט שטענדיק בלויז דער זיגער.
דער עיקר איז — נישט לאָזן זיך פארשקלאפן,
און ביז צום סוף א ווידערשטאנד צו שטעלן!
מיין חייל ווארט אין לאגער אומגעדולדיק,
די שופרות זענען גרייט צו בלאָזן שטורעם!
איך מוז אוועקגיין מיטן שטערן-צאנקען.
פאר גאסטפריינטשאפט, איך טו דיר, פרוי, באדאנקען!

אָפּ.

דאָס אַכטע בילד

די בערג גלבוע. מחנה פון ישראל. פאַר שאולס געצעלט. שאול.

שאול: איך האָב געזען ערשט דודן אין חלום.
געשלייכט האָט ער אַ שטילער אין מיין מחנה.
ביז צום געצעלט אַהער איז ער געקומען.
איך האָב געשריגן און גערופן: שומרים!
נאָר ס'איז דאָס קול אין האַלז פאַרשטאַרט געוואָרן!
און ווען איך האָב פון שלאָף זיך אויפגעריסן,
האָט מיר נאָך אַלץ אין אויער אָפּגעקלונגען
זיין שטימע. נאָר ווי רויק, שטיל אַרום איז!
די פעלדער וואַרטן אויפן טוי פון הימל
און אָנען נישט — זיי וועלן באַלד באַגינען
אין רויטן בלוט אין מענטשלעכן זיך באָדן.
די פייגל שלאָפן אין די ווייכע נעסטן
און זעען זיך אין חלום: פליען, פליען —
און הערן אומבאַקאַנטע מעלאָדיען.
נאָר ווייסן זיי און פילן, אַז אינגיכן
דאָ וועלן פליען פונעם טויט די פיילן
און הערן וועט זיך שרייען, קרעכצן, כאָרכלען
פאַרוווּנדעטע און שטאַרבנדיקע קריגער.
עס שלאָפן נאָך אַפילו מיינע קריגער.
עס זעט זיך ווער אין הייסע פרויען־אָרעמס
און ווער — אין שאָטן פון די פייגנביימער.
נאָר באַלד וועט רייסן פונעם שלאָף דער שופר:
קום ווילט איר, אַז דער שונא זאָל נישט רויבן
פון אייער נאַכט — די וואַרעמקייט פון פרויען,

פון אייער טאָג — דעם שאָטן פון די ביימער —
ארויס אין שלאכט! אין שלאכט, אָ, פאָלק ישראל!

אויפטריט אבנר.

וואָס פארא גוטע נייעס ברענגסטו, אבנר?

א ב נ ר: איך בין געגאנגען דורך דער גאנצער מחנה
צו זען, צי אויף דער וואך די שומרים שטייען.

ש א ו ל: צי זענען שוין געקומען די מרגלים,
וואָס האָבן זיך געלאָזן אויסצושפירן
דאָס חייל און די וואָפן פונם שונא?

א ב נ ר: זיי זענען אלע שוין פון וועג געקומען
און זיי דערציילן: ס'איז דעם שונאס חייל
אזוי פיל, ווי דאָס זאמד איז אויפן ים־ברעג.
און ער וואָס נאָך דערציילן די מרגלים:
זיי האָבן אין דער מחנה פון די פלשתים
געטראָפן דודן מיט זיינע מענטשן.

ש א ו ל: וואָס זאָל באטייטן אָט די נייעס, אבנר?

א ב נ ר: דאָס הייסט גאָר פשוט: מיט די פיינט גייט דוד
אקעגן פאָלק ישראל און זיין מלך!

ש א ו ל: פארשטעלט מיט די הענט דאָס פּני ם.

אָ, דוד, דוד! כ'האב פאר דיר פון תמיד
געטראָגן אין מיין הארץ א גרויסע מורא,
נאָר קיינמאָל, קיינמאָל נישט קיין שנאה.
נאָר איצט — מיט שנאה גיס זיך אָן, אָ, הארץ מיינס!
דאָס ווארעמע געפיל פון ליבע סם־אָפּ
און שיק עס, גלייך א פייל, אין הארץ פון בוגד!

א ב נ ר: באפעל די קריגער צו דער שלאכט זיך גרייטן!

ש א ו ל: הייס בלאָזן שופר! שטורעם קעגן שונא!

אבנר אָפּ.

אָ, גאָט פון פאָלק ישראל! ס'האָבן איצטער
פארטרויט מיר זייער גורל מיינע קריגער —
באשטראָף זיי נישט פאר די חטאים מיינע!
און ביסטו קעגן מיר און ווילסט מיך שטראָפן —
ביים גיין צוריק אהיים פון דער מלחמה,
פאר גבעה'ס טויער — שיק אויף מיר דעם דונער,

איך זאָל דעם רום פון זיג שוין נישט געניסן!
נאָר איצטער — העלף, און גיב דעם פאָלק נצחון!
אויפטריט שליח.

ש ל י ח: איך קום פון דודן...

ש א ו ל: א טויט דעם בוגד!

ש ל י ח: אָ, האר, אָ, מלך! שטיל דיין צאָרן, חסד!

ש א ו ל: צי גייט נישט דוד מיטן פיינט צוזאמען?

ש ל י ח: געוואָלט האָט דוד גיין מיט אים צוזאמען,
נאָך ס׳איז דער שונא אָבער נישט באשטאנען.

ש א ו ל: האָט דאָס פארמינערט דעם פאראט פון בוגד?!

ש ל י ח: מיין האר האָט מיך אין זיין געצעלט גערופן
און האָט צו מיר געזאָגט אזוי צו זאָגן:
— צום מלך שאול גיי, און גיב אים איבער,
אז דוד איז געגאנגען מיט די פלשתים,
כדי בעת דער שלאכט דעם פיינט באפאלן
פון הינטן — און א ז ו י דיין חייל העלפן.

ש א ו ל: קומט אוים, אז דוד האָט געמיינט מיר העלפן?

ש ל י ח: ער האָט געוואָלט דיר העלפן. נאָר די שרים
פון שונא האבן נישט געוואָלט אים טרויען,
און נישט געלאָזט אים אין דער שלאכט צו קעמפן.

ש א ו ל: פאר דיין ידיעה — זיי געבענטשט שליח!
נישט זיי צופרידן, טריומפיר נישט שונא!
נישט פאראַן איז קיין פארעטער אין ישראל!

ש ל י ח: דערלויב, מיין האר, צו דודן צוריקגיין.

ש א ו ל: קאָנסט גיין צוריק צו דודן בשלום.
און קומסטו דאָרט אהין, דערצייל, שליח,
אז האָסט דעם מלך אין געצעלט געטראָפן
זיך גרייטן צו דער שלאכט אקעגן שונא.
און נישט נאָר ער אליין, די קינדער זיינע,
ווי ס׳פאסט פאר זין געטרייע פון ישראל —
אין שלאכט מיט אים צוזאמען וועלן קעמפן!
פויזע.
און גיב אויך איבער דודן, שליח:
אויב גאָט וועט אָפּווענדן פון מיר זיין פנים
און איך וועל פאלן אויף די בערג גלבוע,

איז בעט איך דודן, וואָס וועט נאָך טראָגן
די קרוין די קיניגלעכע פון ישראל —
ער זאָל פאַר די חטאים פונם פאָטער
נישט שטראָפן זיינע קינדער... פון ישראל
נישט אָפּמעקן דעם זכר פון זיין נאָמען...

פאַרהילט זיין פּנים און וויינט. שליה אָפּ. פויזע. ס'הערט זיך בלאָזן פון שופרות. מלחמה־געדויש. אויפטריט אבנר

א ב נ ר : ווי לייבן האָבן איצט געקעמפּט די קריגער,
זיך דורכגעריסן דורך א ריי פון שונא,
איז אויפגעקומען גלייך א צווייטע, דריטע,
מיט ציין און נעגל האָבן זיי געריסן
די אייזערנע מלבושים פון די פלשתים,
נאָר העלדישקייט אליין איז נאָך צו ווייניק.
די לינקע האנט שיצט גאָט, די רעכטע אָבער —
די רעכטע — מוז די שווערד באשיצן!

ש א ו ל : דאָס חייל שלאָגט זיך העלדיש קעגן שונא,
נאָר מיר, די פירער זיינע, זענען שולדיק:
קיין וואָפן אין די הענט אים נישט געגעבן!
מיר וועלן אומקומען דערפאַר צוזאמען!

א ב נ ר : איך וויל נישט אומקומען! באפעל דעם חייל
די שלאכט צו ענדיקן. זיך אונטערגעבן!

אויפטריט יונתן, אבינדב, מלכישוע, קריגער.

י ו נ ת ן : מיר זענען אין דער שלאכט ארויס איין מחנה,
און ס'האָט דער פיינט אויף זיבן זי צעשלאָגן,
און יעדע לויפט צוריק אין גרוים בהלה.

א ב נ ר : נישטאָ שוין מער קיין האָפנונג אויף נצחון,
איין אויסוועג איז פאַראן — צו אנטלויפן.
מיר מוזן דאָס, וואָס גיכער מאַכן, איידער
מיר ווערן פון דעם פיינט ארומגערינגלט.

י ו נ ת ן : ניין, נישט אנטלויפן! בלויז צוריק זיך ציען
און אונזער חייל אויף א צווייט אָרט זאמלען!

א ב נ ר : עס איז אן אומזין ביזן סוף צו קעמפן!
דאָס פאָלק מאָר נ י ש ט פאַרלירן אלע פירער,
אין בראָך און פיין — דאַרף אונז נאָך מער ישראל!

ש א ו ל: איך וועל פון שלאכטפעלד קיינמאָל נישט אנטלויפן!

א ב נ ר: זאָל ווער פון דיינע זין זיך פרווון רעטן —
קאָן זיין, אז יונתן?...

י ו נ ת ן: איך בלייב דאָ איבער!

א ב נ ר: און אפשר אבינדב? מלכישוע?

ב י י ד ע: מיר בלייבן אויפן שלאכטפעלד מיטן פאָטער!

ש א ו ל: איך דאנק אייך! איצטער גיט דעם חיל איבער,
אויב וועמען איז א שאד דאָס יונגע לעבן.
דאָס ווייב, די קינדער און די שאָף און רינדער,
צי וועמען ס'איז דאָס הארץ זיינס שוואך, מיט מורא —
אַט דער איז פריי און זאָל זיין לעבן רעטן!
און דו ווערסט, אבנר, זיין מיט זיי צוזאמען,
זאָל נישט ישראל אָן א שר פארבלייבן.

א ב נ ר: איך וועל ישראל שטארקן אין זיין אומגליק
און אפשר צוגרייטן — פאר הײנט — נקמה!

אבנר אָפּ. ס'בלייבן איבער שאול, זיינע דריי זין, דער נושא כלים
שאולס און א טייל פון די קריגער.

י ו נ ת ן: בלייב איבער, פאָטער, מיטן נושא-כלים
און דיינע זין, מיט רעשטלעך פונעם חיל,
זיי וועלן פארן פיינט דעם בארג באשיצן.

אלע אָפּ. ס'בלייבן בלויז איבער שאול און דער נושא כלים. אלץ
נעענטער און נעענטער הערט זיך דער מלחמה-גערויש.

ש א ו ל: די זון, זי גליט אצינד אינמיטן הימל,
נאָר ס'גייט א קעלט דורך אלע מיינע אברים.
הייל וועלכן זון די פייל פון פיינט וועט טרעפן —
וועט זי צוגלייך ארייַן אויך מיר אין הארצן!
דעם פעלזן שטייג-ארויף. דו נושא-כלים,
און ווי עס גייט די שלאכט צו גיב מיר איבער.

נושא כלים שטייגט ארויף אויפן פעלזן.

נ ו ש א כ ל י ם: אלץ נעענטער צו אונז די פלשתים קומען,
זיי קריכן אויף די הענט און פיס ארויפצו.
אָט האָט דעם קאָפּ א פלשתי אויפגעהויבן —
אַ, גוט אזוי! ער לאָזט דעם קאָפּ ארונטער
מיט אבינדבס פייל אינמיטן שטערן!

שאול: זאָל זיין געבענטשט דיין האנט דיר, אבינדבֿ!
נושא כלים: עס האָבן פלוצעם דריי זיך אויפגעהויבן!
א פייל אין ברוסט האָט איינעם שוין געטראָפן,
דער צווייטער פלשתי — פאלט, אין פוס פארוואונדעט.
עס ציט די שווערד פון שייד דער דריטער פלשתי —
אוי־ווײ! ער ווארפט זיך שנעל אויף אבינדבֿ!
שאול: אָ, גאָט! באשיץ מיין זון, מיין אבינדבֿ!
נושא־כלים: עס האָט קיין פייל שוין מער נישט, אבינדבֿ!
נאָר אָן דער מינדסטער שרעק, מיט הענט, מיט הוילע,
ער טוט א וואָרף זיך תיכּף אויפן פלשתי
און וויל די בלאַנקע שווערד פון האנט אים רייסן.
דער פלשתי אָבער האט ארומגע כאפּט אים...
מיט הענט און פיס אים פעסט ארומגעקלאמערט —
אָ, אומגליק!
שאול: זאָג, וואָס איז געשען דאָרט? ענטפער!
נושא כלים: זיי זענען ביידע אין תהום געפאלן!
שאול: מיין זון, מיין טייערער, מיין אבינדבֿ!

פארהילט דאָס פנים אין מאנטל און וויינט.

נושא כלים: א ריטוואָגן האָט פלוצעם זיך באוויזן,
אין אים א פלשתי אין מלבושים בונטע,
מיט פאנצער און מיט שווערד — א שר א גרויסער
און אפשר גאָר אליין דער מלך אכיש!
שאול: שפּרינגט אויף פון אָרט.
אויב אכיש — גיי איך אים אליין אקעגן!
נושא כלים: עס לויפט אים גלייך אקעגן מלכּישוע!
ער מאכט מיט שווערד פון רעכטס און לינקס א וועג זיך,
ער האָט דערגרייכט דעם רייטוואָגן פון פלישתי...
דער פלישתי אויפן רייטוואָגן גיט פלוצעם
א ווילדן יאָג דאָס פערד אויף מלכּישוען!
אָ, מלכּישוע האָט אריינגעשטאָכן
זיין שווערד אין בויך פון פערד! עס פאלט אנידער
און אונטער זיך דערדריקט עס — מלכּישוען!...
נאָר אָט לויפט יונתן!
שאול: איך קען נישט מערער!

איך קען דאָ מער נישט זיצן פון דער ווייטנס!
ניין, ניין! איך וועל נישט אויסגיין אויפן פעלזן
פון ווי און וואנזין! כ׳וויל ווי זיי אויך פאלן
אין שלאכט פון שווערד, צו פייל! איר, פלישתים, ציטערט,
עס גייט אויף אייך דער זיגער פון עמלק!

ער לויפט אראָפּ פון פעלזן. דער נושא כלים לויפט אים נאָך
און שרייט:

נושא כלים: מיין האר, מיין מלך!

אויפטריט יונתן אין געפעכט מיט עטלעכע פלשתים.

יונתן: שעמט אייך! פיר אויף איינעם?
זאָל איינער צווישן אייך — דער סאמע דרייסטער,
זיך שטעלן קעגן מיר מיט מיר צו פעכטן!

פלישתי: און דו וועסט קעגן אַט דעם איינעם קעמפן,
ווי דוד אייער העלד — מיט שטיין און שטעקן!

יונתן: אודאי איז פאר אייך שוין צופיל ערע
צו פאלן פון א שווערד! מיר דאכט זיך אָבער,
אז איך וועל מוזן אָנטון אייך דעם כבוד!

פעכט מיט זיי. ס׳פאלט איינער, א צווייטער. נאָר בעת ער קעמפט
מיטן דריטן — שטעכט אים דער פערטער אריין פון הינטן זיין
שווערד אין רוקן.

יונתן: פון הינטער מיינע פלייצעס — שעם זיך, פחדן!

אויפטריט שאול. זיין שווערד אין בלוט.

שאול: ווו ביסטו, יונתן? כ׳האָב ערשט געזען דיך
ארומגערינגלט פון א מחנה פלשתים —

דערזעט די צוויי פלשתים און יונתן אויף דער ערד א פארוואונדעטן.
אַ, הינט!

פעכט מיט די פלשתים. דערשטעכט איינעם. דערנאָך דעם צווייטן.

יונתן: אַ, פאָטער, דאָס ביסטו געקומען?...

שאול: קניט לעבן אים אַנידער.
וואָס איז דיר, יונתן? דו ביסט פארוואונדעט?

יונתן: איך שטארב...

שאול: דו טאָרסט נישט שטארבן פאר דיין פאָטער!
וועסט לעבן, יונתן! דו מוזסט נאָך לעבן!

יונתן: איך האָב דיך, פאָטער, אָפט געזען אין לעבן
געטריבן ביז צו וואנזין פון געשפּענסטער,
נאָר איצטער א רויקער דיין גורל טייל איך:
איך האָב געזען צוריק א העלד... א מלך...

שטאַרבט.

שאול: אָ, גאָט, איך בין געוואָרן ווידער מלך,
נאָר כ'בין געוואָרן אויך צוגלייך אוים פאָטער —
אין איין שעה האָב איך מיינע זין פאַרלוירן!

דער מלחמה־געוויש פון די פלשתים פאַרשטאַרקט זיך. ווערט נענטער. אויפטריט נושא כלים.

נושא כלים: די פלשתים זענען שוין פון אונז גאָר נאָענט!
שאול: איך וועל זיך לעבעדיק נישט לאָזן פאנגען!
זיי זאָלן אויף דער שמחה צום נצחון
מיט מיר זיך לוסטיק מאכן און צו שפּאסן.
און זאָל איך אלס געפאנגענער, ווי שמשון,
אזויפיל שונאים צו דעם טויט נאָך ברענגען —
ניז וואָסער ווערט האָט דען אזא נצחון,
בעת מען קוקט אויף אים מיט בלינדע אויגן!
די שווערד פון שייד ארויס, מיין נושא כלים,
און שטעק אריין זי שנעלער אין מיין הארצן!
נושא־כלים: מיין גרעסטער חוב איז, האט מען מיך געלערנט,
דעם מלך זיינע וואָפן נאָכצוטראָגן
און שיצן, ווען עס דראָט אים א סכנה.
נאָר ניין! עס וועט נישט דער, וואָס דאַרף דיך שיצן
גאָר אויפהייבן זיין שווערד, כדי דיך טייטן!
שאול: פאראנען איז א צייט, ווען בלייבן לעבן
איז פון דעם טויט — א אומגליק נאָך א גרעסערם.
פון אָט אזא געפאר אצינד דיין חוב איז
דיין האר און מלך שנעלער צו פארהיטן!
נושא כלים: ווי קען איך אויפהייבן מיין האנט אקעגן
דעם גאָטס געזאלבטן מלך פון ישראל?!
ווי וועל איך פארן פאָלק אין גאס זיך ווייזן?
מען וועט אויף מיר דאָך טייטלען מיט די פינגער:
זעט, זעט! אָט גייט ער דאָרט דעם מלכס מערדער!
וואָס וועל איך ענטפערן דער מאמען דיינער,

װען צװישן טױזנט װעט זי מיך דערקענען,
זיך טון א װאָרף אױף מיר און א געשרײ־טון:
אױ, מענטשן, דאָס האָט ער מײַן זון דערהרגעט!
באַפֿרײַ מיך פֿון באַפֿעל. באַפֿעל מיר גיכער
אין האַרץ אין אײגענעם די שװערד צו שטעקן!

שאול: אָ, ערד, דערקענסט מיך? דאָס בין איך דאָך, שאול,
דער זון פֿון קיש, דער פֿויער, פֿון בנימין.
געדענקסט: ער האָט מיט דיר נאָך אין זײַן יוגנט
א בונד פֿאַרשניטן: דיר זײַן שװײס צו געבן,
ס'האָט שמואל אים פֿון דיר אָװעקגענומען,
נאָר דאַן האָט ער געגעבן דיר א שבועה,
אַז אױב דער פֿוס פֿון פֿײַנט װעט דיך באַטרעטן —
זײַן בלוט דיר געבן! גיט ער דיר זײַן בלוט איצט,
און זאָגט דיר אָן: דורך שװײס און בלוט און טרערן,
װעסטו נאָך װידער, ערד, מײַן פֿאָלק געהערן!

ציט אַרױס די שװערד פֿון דער שײד.

אָ, בערג גלבוע, עדות זײַט פֿאַר אַלע.
דערצײלט אױף דורות, װיאַזױ געפֿאַלן
איז פֿאַר דער פֿרײַהײט פֿון זײַן אומה — שאול,
דער ערשטער מלך פֿונם פֿאָלק ישׂראל!

דערשטעכט זיך.

גלײַך נאָך שאולן שטעכט זיך אױך זײַן נושא כּלים.

ביכער פון ישראל אשענדארף

אין אַ גרויסער, פרעמדער שטאָט. פּאָעמע. לעמבערג 1932.
מאַנסיק אינדערפרי. לידער. לעמבערג–וואַרשע, 1937.
גריסן אין דער ווייט. לידער. לעמבערג–וואַרשע 1939.
אונדז און וואָר. לידער. לעמבערג–קיעוו 1941.

ביכער גרייטע צום דרוק:

דער מלך דוד. (צווייטע דראַמע פון דער היסטאָרישער טרילאָגיע).
צען איינאַקטערס.
ווי און וואָנדער. נייע לידער.

ביכער דערשינענע אין פארלאג:

ישעיהו שפיגל : מלכות געטא (לידער)

לייב אָליצקי : דער מענטש וועט זיין גוט (משלים)

אברהם זאַק : מיט אַש אויבן קאָפּ (לידער)

חיים גראַדע : אויף די חורבות (פּאָעמע)

יוסף אָקרוטני : אַ בוים אויפן ווינט (דערציילונגען)

ישראל אַשענדאָרף: דער מלך שאול (היסטאָרישע טראַגעדיע)

עס געפינען זיך אין זאַץ:

ה. סמאָליאַר : יידן אָן געלע לאַטעס

רייזל זשיכלינסקי: צו לויטערע ברעגן

באמערקטע דרוק־פעלערן:

אויף זייט 55, פאר דער שורה:

„נביאים! זאגט אים: כ'האב דעם מלך שאול" —

קומט דער נאמען: ש מ ו א ל.

אויף זייט 65 פאר דער שורה:

„עס גייען איך און דו און דיינע ברידער" —

קומט דער נאמען: ש א ו ל.

Drukarnia R.S.W. Prasa, Łódź, Narutowicza 32. Z-657579